# דער יוד

# (DER JUDE)

צייטשריפט

## פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואָך.

פערלאג: חברה „אחיאסף".


אבאנאמענטס פרייז יאֶהרליך:
אֶסטרייך-אונגארן —.6 פלארין.
האַלביאֶהריג —.3 "
פירטעליאֶהריג 1,50 "
דייטשלאנד —. 10 מארק.
ארץ ישראל —. 12 פראנק.
אנדערע לענדער —. 15 "
אמעריקא, ענגלאנד—.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט
10 קרייצער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ יאֶהרליך —.5 רוביל.
האלב יאֶהרליך —.3 רוביל;
פיערטעל יאֶהרליך 1.50 רו"כ.
מען קען אויך אויסצאהלען אין
3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 „
דען 1טען אויגוסט — 1 „

ענדערען די אדרעסע קאסט
20 קאפ.

קראקויא, אדר א׳ תר"ס. נומר 6. Krakau. 15 Februar 1900.


### אינהאלט:


א) די יודען אין גאליציען. י. ל.
ב) פון יודישען לעבען אין איירופא. ב.
ג) אונזער שטודירענדע יוגענד. ח. ד. הורוויץ.
ד) פאליטישע איבערזיכט. י. ל.
ה) צווישען אונז גערעדט. מ. חיות.
ו) די יודישע וועלט.
ז) אלגעמיינע וועלט נייעס.
ח) ציון ליעדער. I קרבנות. ש. פרוג.
ט) עראינערונגען פון קינדישען לעבען. י דינעזאָהן.
י) קאליקעס. ערצעהלונג. מ. ספעקטאָר.
יא) אַ בריעף צו דעם הערן „בעל מחשבות" t.
יב) מיליאָנען. פעלעטאָן. שלום עליכם.


### ה. תר"ס ← וואכען־קאלענדער (לוח) ← 1900

| די טעג פון חודש | וואָך | אדר א׳ (פעוורואל) פעברואַר־לוטי | | נייער ס. פעבער | אלט. ס. פעוורואל |
|---|---|---|---|---|---|
| יט | זונטאג | | | 18 | 6 |
| כ | מאנטאג | | | 19 | 7 |
| כא | דינסטאג | | | 20 | 8 |
| כב | מיטוואך | | | 21 | 9 |
| כג | דאנערש. | | | 22 | 10 |
| כד | פרייטאג | | | 23 | 11 |
| כה | שבת | פ׳ ויקהל, פ׳ שקלים. | | 24 | 12 |

| טאג | יאהר | קורצע פערצייכנונגען פון דער יודישער געשיכטע. |
|---|---|---|
| י"ח | ה תל"ז | איז געשטארבען דער בעריהמטער פילוסוף ברוך שפינוזא. |
| י"ט | ה.שע"ו | האט מען ערלויבט די יודען אומקעהרען זיך אין פראנקפורט אם מיין, פון וואנען מען האט זיי ארויסגעטריעבען אין אלול השע"ד. |
| כ"א | ד.תתקז | האבען די קרייצטרעגער צוהרג׳ט די יודען אין ווירצבורג (באיערן) און צוראקירט זייערע הייזער. |
| כ"ד | ה תרמב | איז געשטארבען אין ליק ה"ר אליעזר ליפמאן זילבערמאן דער רעדאקטער פון דער צייטונג „המגיד". |


צו אַבאָנירען:

אין קראקא:
Administration „DER JUDE", Krakau, Dietelsgasse 45.

אין וויען:
E. Torczyner, Wien I, Rudolfsplatz 6.

אין ווארשא:
Verlag „Achiasaf", Warschau, Postkiste Nr 25,
mündlich: Twarda 6, Thür II.

אין לאדז, ביי אונזערעם פערטרעטער:
S. Hochberg, Lodż, Cegielnianastr. 36.

דער יוד״ איז אויך איינגעטראגען אין דער צייטונגספרייזליסטע דער ק. ק. עסטרייכישען פאָסט אונטער דער נומער:
1920a Nachtrag VII.

## די אגענטען פון „דעם יוד" אין רוסלאנד.

אָדעסאַ: ש. האָרנשטיין (בעזאיממענני פערעאולאָק נו' 28); י. שערמאַן (רישעלעווסקאיא נו' 28); מ. שיינקין (אוספענסקאיא נו' 111); שוכהאַלטער (גנזעל. „כרמל", רישעלעווסקאיא הויז ברבש). — אומאן: מ. לאָקאַצשער. — אלקסנדריא: מ. מארגינאוו. — אלעקסאנדראווסק: מ. סטעלין. — ארגעיעוו: א. בארסוצקי. — באברויסק: י. גינזבורג. — בערדיטשעוו: מ. ב. קליינמאַן. — בריסק דליטא: בן־ציון ניימאַרק. — ביאַליסטאָק: ש. ליפשיץ; י. אינדיצקי; פ. מ. שפירא; מ. סוכאוואלסקי. — ביעלאיא צערקאוו: דר. י. צשערני; מו"ס הערצבערג. — באקו: ג. ל. דאָמשלאַק; מ. מ. האָראָוויץ, נ. ג. גינצבורג, הויז דאַדאַשעוו וואהנונג קאָוואלסקי. — ביעלצי: א. ד. ראָזענטהאַל. — בריצשאַני: מ. שוטיאק. — בענדערי: י. ניסענבוים. — גראָדנא: בצלאל יפה; ה. א. יאנאווסקי (פאָרשטאַדט). — גראיעווא: א. פיינשטיין. — דובנא: לעוו האַלפערן. — דווינסק־ב. ברעוודאַ: פ. שעפּטעל. — האמעל: מ. שניאוראוו. — וואַרשא: א. צוקערמאַן (נאַלעווקי 15); הוצאת „תושיה" (פאוויא 16); האחים לעווין־עפשטיין (געגשא 5); נחמיה צערנאָוויין (דזיקא 16); ב. שיינפינקעל (רימארסקא 3); א. י. שפירא. — ווילנא א. מאשעוויצקי (אנדרעיעווסקאיא, הויז באק); י. ל. עפעל (טראקסקאיא); יצחק פונק. — וואלקאוויסק: יצחק וועלוועלעוויץ. — וויניצא: ש. רובינשטיין; יעקב צויזמער. — ווערזבאלאווא נ א. מ. לעווין. — זאוויערציע: גאנצווייך. — זיטאָמיר: הירש עפשטיין; א. סקאמאראווסקי. — זגוריצא: מ. בעקקער. — הארקאוו: דר. שלאפאשניקאוו (ריבנאיא 25); — חאטין: קאַרל רייסס. — טאלטשין: ג. פיטאוועצקי. — יעליסאוועטגראד; ג. סלוצקי. — יעקאטערינאסלאוו: י. מ. מארקאָווסקי. — לאָדז: ס. האכבערג, צעגעלניאנא 36; יוסף זילבערשטראָם (פעטראקאווסקא 50). — לובלין: ע. זינגער. — מאָסקוי: דר. ברומברג (פאקראָווקאַ הויז שישילעוו). — מינסק: י. נפך; מ. האלפערן; י"נ גאָלדבערג. — מעזריטש: ש. ב. מיניץ. — מאהילעוו גוב.: ש. יפה. — מאזיר: איסר פישמאַן. — ניעזשין: ב. שניאורסאָן. — ניקאלאיעוו: ט. סקאבליאנקאוו (מאסקאווסקאיא 32). — נעסוויזש: ג. סלאנימסקי. — סקאפין: א. קאפלאן. — סאראקי: ש. היללם. — סייני: א. בערנשטיין. — סלוצק: ש. רייסער. — סלאנים: י. ריעזניקאווסקי. — סטארא־קאנסטאנטינאוו: מ. מ. ראַבינאָוויטש. — סמאָלענסק: א. איזראעליטאן. — סובאלקי: דניאל ראָזענטהאַל. — פאלטאווא: מ. באראכאוו (מאנאסטירסקאיא). — פינסק: פ. בארנאדסקי. — אייזיק גאָלדמאַן. — פעטראקאוו: מ. פיינקינד. — פלאצק: ג. מיניץ; ה. פלאנסקער. — פעטערסבורג: ש. ראפאפארט (זאבאלקאנסקי 7); מ. זק"ש (גאראחאוואיא 29); א. פ. קרושצאנסקי אלעקסעיעווסקאיא 4/2). — פראסקוראוו: מ. סאבאל. — פרילוקי: סופעניצקי. — קישינעוו: ל. ווילענסקי; פ. אווערבוך; ש. בערליאנד; מ. פינקעלשטיין. — קאוועל: ה. געללער. — קאלוואריא: י. אראנאוויץ. — קאליש: ש. וועלטסמאַן. — קיעוו: ש. ראבינאוויץ (שלום עליכם) (ב. וואסילקאווסקאיא 5); י. שעפּטעל; א. איזגור; נ. ג. בע־האָלצעוו (מארינסקא־בלאגאוויעשצע נ' 8). — קיעוו־דעמיעווקא: אווסיאוויץ. — קיידאני: יצחק דאָם. — קרעמענצוג: אליעזר שלעז; ט. שלענסקי; ז. יודעלעוויץ; מ. ראַבינאָוויץ. — קאָוונא: י. הארוויץ (מעעראוויץ). — קאמענעץ פאד.: מ. פ. זיידמאַן. — ריגא: ג. לעוויטאס; ג. קאצענעלענבאָגען. — ריעזיצא: ב. שערעשעווסקי. — ראדאם: אַדאָלף צוקער. — ראוונא: ז. קניאזשער. — ראסטאוו ע"נ דאן: ה. שערשעווסקי.


לוח אחיאסף תר"ם

נמכר כלו ואיננו עוד!!



צו אונזערע געעהרטע מיטארבייטער

מיר בעטען אונזערע ג. מיטארבייטער,
אלע ארטיקלען פאר דעם „יוד" צו שיקען
אויפ'ן אדרעס פון „אחיאסף":
Verlag „ACHIASAF", Warschau.



חברת

אחיאסף

מקבלת החתימה לשנת 1900

למכ"ע:
המליץ, הצפירה, השבוע, התחיה, גן שעשועים, „די וועלט" באשכנזית Buduschtnost, Woschod, Allgemeine Zeitung des Judenthums, וזרגון, Oesterreichische Wochenschrift, L'Echo sioniste
למקחי הרידקציה.

*Verlag „ACHIASAF" Warschau.*



**Fabryka perfum i kosmetyków pod firmą „IRIS"**

H. Lachs, Warszawa, Solna 9




poleca zatwierdzony przez Warszawski Urząd lekarski za Nr. 337

**Puder „Iris"**, zupełnie nieszkodliwy.

Wskutek podrabiania upraszam o zwracanie uwagę na zatwierdzone przez Ministeryum Finansów w Rosyi fabryczne znaki „Iris" Nr. 337.

Dostać można we wszystkich składach aptecznych i perfumeryach.

Żądać z podpisem: *H. Lachs.*



יודישע שפריכווערטער.

א זאמלונג פון י. ב. הערויסגעגעבען פון מ. ספעקטאר. אַרייכע אויסגאבע. עס געפינט זיך צו פערקייפען די לעצטע 25 עקז'.

פרייז 2 רובל מיט פארטא.

צו בעקומען ביי:
M. Spektor, Warschau, Nowolipie 51 a.
אָדער
Verlag „ACHIASAF", Warschau.



פריילינען און דאמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין אקורצע צייט דורך בריעף אין זארגאָן, רוסיש אין דייטש. די מעטאָדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יעהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה אַ מארקע. ניט זוימט און פרעגט אָן ביי: Mme. Naiditsch, Dawid-Horodok, Gouv. Minsk, Russie.

II. Jahrgang. **DER JUDE.** Nr. 6.

# דער יוד

צייטשריפט
פיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואך.
פערלאג: חברת „אחיאסף“.

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:
אסטרייך-אונגארן —.6 פלארין.
האלביאהריג —.3 „
פירטעליאהריג 1.50 „
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פראנק.
אנדערע לענדער —.15 „
אמעריקא, ענגלאנד—.10 שילינג.

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדע קליינע שורה פעטיט
10 קרייצער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

Erscheint Donnerstag.

דער פרייז פיר רוססלאנד:
גאנץ-יאהרליך —.5 רוביל.
האלב-יאהרליך —.3 רוביל.
פירטעל-יאהרליך 1.50 רוביל.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 „
דען 1טען אויגוסט — 1 „

ענדערען די אדרעססע קאסט 20 קאפ.

קראקויא, אדר א׳ תר״ס. נומער 6. Krakau, 15. Februar, 1900.

## די יודען אין גאליציען.

גאליציען איז דאס ארימסטע לאנד אין דער וועלט. פון איהרע 7,217,900 איינוואהנער געהערען גאנצע 7 מיליאן צו די ארימסטע, וועלכע האבען קוים מיטלען אויף צו בעפריעדיגען די נייטהיגסטע בעדערפנישען. 99 פראצענט, ד. ה. 99 מענשען פון הונדערט ווערען אין גאליציען וועגען זייער ארימקייט בעפרייט פון דעם אבצאהל פון הכנסה, ווייל אויך דאס שטרענגע קאלטע געזעץ קען ניט פאדערן קיין אבצאהלונג פון די, ביי וועמען ס׳איז ניטא וואס צו נעהמען. א גרויסער טהייל איינוואהנער האט איינענע ערד, אבער אזוינע קליינע חלקים, אז זיי קענען ניט געבען לעבענסמיטעל אפילו דעם פויער, וועלכער איז שוין איינגעוואהנט צו לעבען אין דחקות. די פויערשע ערד אזוי ווי די פריצישע איז בעלאסטעט מיט חובות, וועלכע זייגען אויס די לעצטע כחות פון לאנד. די ערדארבייט, מיט וועלכער עס בעשעפטיגט זיך דער גרעסטער טהייל איינוואהנער, פאלט אלין נידריגער. קיין נייע אנדערע בעשעפטיגונגען ווערען דאך ניט געשאפען, די פאבריקאציאן ענטוויקעלט זיך אויך ניט און גיט ניט קיין ארבייט די אלע מענשען, וואס ווערען יעדעס יאהר אבגעריסען פון זייער ערד. ניט בעסער געהט עס אין גאליציען מיט די בעלי מלאכות. אויך דאס האנדווערק פאלט צוזאמען מיט דער ערדארבייט.

די ארימקייט אין לאנד איז אזוי גרויס, אז פלייש און צוקער הויבען אן צו ווערען לוקסוס־ארטיקלען. די ציפערן בעווייזען, אז האטש די צאהל פון די איינוואהנער ווערט פערגרעסערט, ווערען פלייש און צוקער אלין וועניגער פערברויכט אין לאנד. ביי אזא לעבען איז קיין וואונדער ניט, וואס עס איז אזוי שטארק פערברייטעט אין לאנד דער הונגער טיפוס, פון וועלכען עס שטארבען יעהרליך טויזענדער מענשען.

די אומגליקליכע לאגע פון גאליציען איז ניט איצט מיט איין מאל געווארען, אויך די נייע צייט האט וועניג פערבעסערט דעם שרעקליכען מצב פון לאנד. די ארימקייט ווערט אויך איצט ניט קלענער, זי האלט נאך אין רעכטען וואקסען. די קענער פון לאנד בעווייזען מיט ציפערן, ווי טרויעריג עס איז דער איצטיגער צושטאנד און ווי שוואך עס זענען די אויסזיכטען אויף בעסערע צייטען.

און אין אזא ארים אומגליקליכען לאנד וואהנען 800,000 יודען, 12 פראצענט פון דער גאנצער בעפעלקערונג. די יודען וואהנען דאס רוב אין די שטעדט, פון וועלכע זענען דא אזוינע, וואס בעשטעהען כמעט נור פון יודען. די יודען בעשעפטיגען זיך מיט קליינהאנדעל און פערשיעדענע מלאכות. ביי דער גרויסער ארימקייט פון לאנד קענען די יודען ניט האבען די מעגליכקייט צו פערנעמען א בעסערע שטעלע ניט איצט און ניט אין דער נעהנטערער צוקונפט. די גלייכע רעכטע האבען זיי נור געקענט געבען דאס רעכט צו הונגערן אין א גלייכער מדרגה מיט די אנדערע בירגער און צו שטארבען אין דעמזעלביגען פראצענט פון הונגער־טיפוס ווי זיי. די גלייכע רעכטע האבען די יודען אין גאליציען אויך אזוי וועניג גוטעס געגעבען ווי די קולטור האט וועניג געגעבען דער גאנצער בעפעלקערונג. ארים, האלבנאקעט און אהן ברויט וואלגערן זיך ארום טויזענדער יודישע פאמיליעס אין די גאליצישע שטעדט. צו דער יודישער ארימקייט אין גאליציען האט מען זיך שוין אזוי צוגעוואהנט, אז אנשטאט רחמנות צו די אומגליקליכע יודישע בעשעפנישען פיהלט מען נור פעראכטונג און האס, ווייל דאס שטענדיגע ליידען פון הונגער און די אייביגע זארג פאר ברויט זענען ניט אים שטאנד צו ענטוויקלען אין פאלק גוטע מדות, דרך ארץ און א שענעם אנגענעהמען אויסזעהען.

גאליציען איז דאס ארימסטע לאנד אין דער וועלט און די גאליצישע יודען זענען די ארימסטע מענשען. די גלייכע רעכטע האבען די יודען ניט געגעבען אפילו די גלייכע עקאנאמישע לאגע, די יודען האבען וועניגער ערד, זיי האבען וועניגער בעאמטע. ביי דער גרויסער ארימקייט האט די בילדונג ניט געפונען קיין ארט אין גאליציען. דער פינסטערער פאנאטיזם הערשט נאך ביז איצט אין לאנד. די גוטע יודען געוועלטיגען נאך עד היום ווי פערצייטיגע סולטאנען איבער זייערע טרייע אונטערטהאנען.

און די געבילדעטע? און די רייכערע?

די שטארקערע וואס האבען זיך ארויסגעריסען פון דער פינסטערניש און ארימקייט, וואס האבען זיך ערווארבען א בעסערען מצב און א העכערע בילדונג, זיי זענען צוריק צום פאלק ניט געקומען, איהם צו העלפען אין זיין נויט, איהם צו ערלייכטערן זיין לאגע. די שטארקערע, די געזינטערע האבען זיך געפרייט איבער זייער אייגענעם נצחון אין לעבען, זיי האבען זיך פון די אינטערעסען פון זייער פאלק אבגעזאגט און זענען געגאנגען צו די שטארקערע און געזינטערע... דורך די השפעה פון די דייטשע אדער פוילישע שולען, אין וועלכע עס לערנען זיך די יודען, הויבען זיי זיך אן צו רעכענען פאר דייטשען אדער פאליאקען, זיי גיבען זיך אב צו די אינטערעסען פון די אנדערע פעלקער, און אונזערע אומגליקליכע, פון אלעמען געיאגטע, פערשטויסענע ברידער בלייבען אהן אינטעליגענץ, אהן פיהרער, און זיפצען פון דער שרעקליכער לאגע, אין וועלכער זיי בלייבען אין גאנצען אליין און פון אלעמען פערגעסען.

אין דער לעצטער צייט איז צו די יודישע צרות אין גאליציען, צו די אלטע צרות, נאך איינע צוגעקומען — דער אנטיסעמיטיזם, ער שאדט די יודען א סך מעהר ווי אנדערע גזירות. וואס ארט די אנטיסעמיטען, דאס עס שטעהט אויפ׳ן פאפיער געשריבען, אז יודען זענען גלייך מיט קריסטען? דאס לעבען איז שטארקער פאר דעם געשריעבענעם געזעץ, און דער אנטיסעמיטיזם האט פון יודען צוגענומען די שענקען און די געשעפטען מיט זאלץ און מיט טאבאק. די אנטיסעמיטישע חברות האבען

דער גרעסטער פֿעהלער פֿון אונזערע יודען אין דייטשלאַנד איז, דאָס זיי האָבען אין די לעטצטע דרייסיג יאָהר גאָר ניט געלערנט און גאָר ניט פֿערגעסען. זיי חָלומ'ן נאָך די אַלטע חֲלומות פֿון פֿאַר דרייסיג יאָהר צוריק, און זיי זעהען ניט, אַז ס'האָבען זיך אויסגעלאָזט די פֿריהערע צייטען און היינט בלאָזט אַ אַנדערער ווינט. מיט דרייסיג יאָהר צוריק זענען די דייטשען געווען „ליבעראַל". דעמאָלט האָט מען געטראַכט, אַוועקלייגען אין אַזייט די אֱמוּנָה און צו ווערען „פֿריי", מִמֵילָא זענען די יודען די ערשטע געווען, דען תָּמִיד האָבען זיי ליעב אויבען אָן צו שטעהען. זיי האָבען די ערשטע אין זייערע שולען אָבגעשאַפֿט דעם לִמוּד פֿון רעליגיאָן, די פּרייסישע רעגירונג פֿון יענע־צייט האָט דאָס געוואָלט, ווייל זי האָט מִלְחָמָה געהאַלטען מיט די קאַטאָליקען, און די נאַרישע יודען האָבען זיך דערצו געשטופּט און האָבען גאָר פֿערגעסען, דאָס ס'קען קומען אַ צייט, אַז ס'וועלען די קאַטאָליקען שלום מאַכען מיט פּראָטעסטאַנטען און זיי, די נאַרישע יודען, וועט אויסקומען צו זיטצען צווישען צוויי שטוהלען. דאָס איז אַצונד אַזוי. ביי זיי נעהט איצט אַ גאַנ'ץ אַנדערע סֵדֶר, מען וויל די אֱמוּנָה שטאַרקען, מען בויעט אַ סך קירכען און מען סטאַרעט זיך, דעם הֲמוֹן־עם צוריק צו בריינגען צו דער אמונה. די יודען זענען אָבער נאָך „ליבעראַל" און חלומ'ן ווייטער. זיי זאָגען פֿאָרט: מיר ווילען ניט האָבען אַ וואַנד צווישען אונז און די קריסטען, און זיי זעהען ניט, דאָס די קריסטען האָבען ניט נור אַ וואַנד, נאָר גאָר אַ הויכע מויער צווישען זיך און די יודען געבויט. די יודען בלייבען נאָך אַצונד ביי זייער פִּזְמוֹן, זיי קענען ניט פֿערשטעהן, דאָס די צייטען האָבען זיך געענדערט. מען וואַרפֿט זיי צעהן מאָהל אַלס יודען אַרויס, אָבער זיי זאָגען פֿאָרט: מיר געבען זיך ניט אַלס יודען צו דערקענען, און פֿאַר וואָס וואַרפֿט מען אונז אַרויס?

פֿאַר צוויי יאָהרען האָט די פּרייסישע רעגירונג בעפֿוילען, דאָס אַלע יודישע קינדער ביז צום פֿירצעהנטען יאָהר מוזען לערנען רעליגיאָן — ווען די עלטערן ווילען, קענען זייערע קינדער מיט די קריסטליכע קינדער אין איינעם לערנען. ווען אָבער ניט, מוזען זיי יודישע רעליגיאָן לערנען. אָט איז געווען אַ געוואַלד, אַ געפּילדער׳ מען האָט כִּמְעַט גוֹזֵר תַּעֲנִית געווען וועגען דער גְזֵרָה, אַז מען זאָל יודישע קינדער נייטיגען, דאָס זיי זאָלען לערנען אַ ביסל יודיש. אָהי אַ גוזמאָ, ס'האָט ביי אונז אויסגעזעהען ווי אין גאַליציען, בְּעֵת די רע׳ יונג האָט גענייטיגט יודישע קינדער זאָלען געהן אין „שקאָלעס". די פַּרְנָסִים פֿון בערלין האָבען זיך גרויס מיהע געגעבען, מען זאָל די גזרה אַוועק נעהמען, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפֿען, וואָרום אַ פּרייסישער מיניסטער מאַכט קיין קאַטאָוועס ניט, מוז מען איצט די קינדער אַביסל לאָזען לערנען יודיש, אָבער ווי אונזערע יידעס פֿאַר צייטען האָבען זיך בעמיהט מיט אַלע מיטלען צו בעפֿרייען זייערע קינדער פֿון דער שקאָלע, אַזוי סטאַרען זיך אַצונד די געבילדעטע יודען צו בעפֿרייען זייערע קינדער פֿון יודישען לערנען. אַ סך יודען זאָגען, אונזערע קינדער מוזען שוין רעליגיאָן לערנען, זאָלען זיי ליעבער די קריסטליכע אמונה לערנען, דאָס איז מעהר תַּכְלִית. אַנדערע געבען זיך אַ אַנדער עֵצָה, זיי זאָגען, אַז זיי לאָזען זייערע קינדער פּריוואַט לערנען און ברענגען אויך עפּיס אַ פּאַפּירעל, דאָס זיי האָבען פּריוואַט געלערנט, א. ד. ג. אין דער אמת'ן האָבען זיי אָבער אַ טָעוּת. מיט די פּרייסישער רעגירונג מאַכט מען קיין שפּאַס ניט, זי וועט באַלד וויסען, דאָס מען נאַרט זי אָב, און זי וועט שוין אַכטונג געבען אויף די יודישע קינדער און זיי עקזאַמענירען, אויב זיי לערנען בֶּאֱמֶת יודישע רעליגיאָן, אֶפְשַׁר וועט איהר פֿרעגען, ווער וועט יודישע קינדער עקזאַמינירען, יודען פֿערשטעהען דאָך גאָר ניט פֿון דעם יודענטום. אָבער איהר האָט פֿערגעסען, דאָס עס זענען פֿאַרהאַנען אין דייטשלאַנד קריסטען די וואָס זענען מיט דעם יודענטהום גוט בעקאַנט; און איך האָף נאָך צו דערלעבען די צייט, ווען די רעגירונג פֿון פּרייסען וועט שטעלען אַ קריסטליכען מַשְׁגִיחַ, אַכטונג צו געבען אויף דעם חִנוּךְ פֿון יודען אין זייער רעליגיאָן.

מיין אַרטיקעל וויל איך ענדיגען מיט אַ צופֿאַל וואָס האָט מיר געטראָפֿען. פֿאַר יאָהרען האָב איך אַ פֿרעמד יונגיל פֿון בולגאַריען געבראַכט אין אַ היעגע רעאַלשולע. דאָס יונגיל האָט נאָך ניט גוט גערעדט דייטש, אָבער איך האָב געוואוסט, דאָס דער דירעקטאָר האָט ליעב לָשׁוֹן־הַקֹּדֶשׁ, און דערהויפּט מיט דער סְפַרדִי'שער אויסשפּראַך. צו ליעב דעם וועט ער שוין דאָס יונגיל אין די שולע אויפֿנעמען, ווייל ער לייענט לשון־הקודש מיט דער ספרדי'שער אויסשפּראַך. כַּךְ הֲוָה, דער דירעקטאָר האָט ג־ויס תַּעֲנוּג געהאַט צו הערען, ווי דאָס יונגיל זאָגט אַ'וי שען עִבְרִי. מעהר האָט ער אָבער ניט געוואוסט. דאָ האָב איך אָנגעהויבען, מיט איהם צו רעדען איבער אונזער היילינגער שפּראַכע, און ווי דער דירעקטאָר האָט געזעהען, דאָס איך פֿערשטעה גוט לשון־הקדש, זאָגט ער צו מיר: הערט נאָר, איך זענט דאָך אַוַודַאי ניט קיין יוד — איהר פֿערשטעהט דאָך גאָר לשון־הקדש?!

איך האָב מיך אָבער יאָ געגעבען צו דערקענען און האָב איהם געענטפֿערט: האָטש איך בין אַ יוד פֿערשטעה איך פֿאָרט לשון־הקדש...!

ב.

---

## אונזער שטודירענדע יוגענד.

די יודישע יונגע מענשען זוכען בילדונג ווי מיט ליכט, בעמיהען זיך מיט אַלע זייערע כֹּחוֹת צו לערנען און צו שטודירען, וואו מען קען נור, וואו מען לאָזט נור, און ווער עס האָט נור די קלענסטע מעגליכקייט, זעהט אַז ער זאָל ענדיגען אַ מיטלערע אָדער אַ העכערע שולע. דאָס מערקט מען איצטער בעזאָנדערס אין דייטשלאַנד, פֿראַנקרייך און שווייץ, וואו עס לערנען פֿיעל יודישע יונגע לייט פֿון רוסלאַנד, ניט נור בחורים נאָר אויך מיידליך, און וואו זייער צאָהל וואַקסט פֿון יאָהר צו יאָהר...

ווי געהט עס אונזערע סטודענטען אין אויסלאַנד? מאַכט זיי די בילדונג גליקליכער, פֿרייער, שטאַרקער און בעסער? ברענגט זיי די בילדונג נעהנטער צו אונזער פֿאָלק, לערנט ז' זיי אויס, אַז זיי זאָלען בעסער פֿערשטעהען און טיעפֿער פֿיהלען פֿון וואָס ליידעט אונזער נאַציאָן און וואָס איז איהר נייטהיג צו איהר גְאוּלָה?

עס וועט אפשר אונגלויבליך אויסזעהען, אַז איך וועל אויף די אַלע פֿראַגען ענטפֿערן מיט „ניין". און דאָך איז דאָס אַ ביטערער אֱמֶת!

אונזער רוסיש־יודישער געבילדעטער אין אויסלאַנד ווייס זעהר וועניג פֿון דעם ריינעם און ערהאַבענעם גליק, וועלכעס עס גיט אָפֿט די בילדונג דעם ניט־יודישען געלעהרענטען. דער רוסיש־יודישער סטודענט איז אין אַ סך פְּרָטִים אומגליקליכער ווי דער פְּשוּט'ער, גאר נישט געבילדעטער. דאָס בריינגט מיט זיך זיין לעבען אין אויסלאַנד, דאָס בריינגט מיט זיך דער כאַראַקטער פֿון דער „יודישער בילדונג"...

דאָס ערשטע אומגליק איז פֿאַר דעם יודישען יונגען מענשען וואָס ער לעבט אין אַ פֿרעמדער מְדִינָה, צווישען פֿרעמדע מענשען אין אַ פֿרעמדער קולטור. דער רוסיש־יודישער „אינטעליגענט" מעג זיך טויזענד מאָהל איינרעדען, אַז ער איז „אַ קאָסמאָפּאָליט", אַז איהם זענען, אין גרונד גענומען, אַלע פֿעלקער און אַלע לענדער גלייך ליעב און טייער, אַז איהם אינטערעסירט ניט קיין איינצעלנעס פֿאָלק, נאָר די גאַנצע מענשהייט בכלל — דאָס אַלעס אָבער העלפֿט איהם זעהר וועניג. טיעף, טיעף אין האַרצען פֿיהלט ער זיך אין אויסלאַנד פֿרעמד און ניט היימיש. די אוניווערזיטעטען, די טעכנישע שולען, די ביבליאָטעקעס, מוזעען און אַנדערע בילדונגס אַנשטאַלטען זענען איהם שטענדיג אָפֿען, ער קען לערנען, זיך אויסבילדען ווי פֿיעל ער וויל, ווי פֿיעל ער קען, — און ביי דעם אַלעם פֿיהלט ער זיך אונזיכער, אונרוהיג, ניט אין דער היים... יעדע פֿאָרלעזונג, יעדעס ביכעל, יעדע צייטונג, די פֿרעמד־קלינגענדע שפּראַכע, די פֿרעמד בליקענדע אויגען פֿון די חֲבֵרִים אין זייערע שולען, אפילו די שטומע ווענד פֿון די שטודיר־צימער — אַלע דערמאַהנען איהם יעדע מינוט, אַז ער איז אַ פֿרעמדער, אַ אוֹרֵחַ אויף אַ ווײַלע. . . דער יודישער סטודענט בעזוכט עפֿענטליכע פֿערזאַמלונגען, ער קוקט זיך צו און הערט זיך צו, ווי עס רַעַשְׁט און קאָכט דאָס געזעלשאַפֿטליכע לעבען אין דער גרויסער, רייכער, מעכטיגער „איירופּאַ". און פֿון דעסטוועגען פֿיהלט ער דאָך, אַז די גאַנצע „בעוועגונג", דער גאַנצער רַעַשׁ, געהט איהם גאָר ניט אָן, ער פֿיהלט, אַז ער געפֿינט זיך, ווי מען זאָגט, „מִחוּץ לְמַחֲנֶה", אַז איהם בלייבט מעהר נישט איבעריג ווי זיין אַ צוזעהער; ער ווייס אַז ער

וועט ניט נעמען קיין טהייל אין דעם דאָרטיגען געזעלשאַפטליכען לעבען ניט איצטער, בְּעֵת ער שטודירט, ניט שפּעטער, אַז ער וועט אויסשטודירען; ער ווייס, אַז ער איז אין אויסלאַנד מעהר ניט ווי אַ גֵר, אַ גאַסט אויף אַ בעשטימטע צייט...

אָבער נאָך אַ גרעסערען אומגליק, אַ טיעפערען וועהטיג פערשאַפט דעם רוסיש יודישען סטודענטען גופא זיין לערנען, זיין שטודירען. יעדער קולטורמענש טהיילט זיך דורך דעם אָב פון אַלע ניט קולטורנע מענשען, וואָס זיין מְלָאכָה, זיין בעשעפטיגונג גיט איהם אַ געוויסע מאָראַלישע בעפרידיגונג. יעדער קולטורנע מענש, אפילו אַז ער איז אַ פָּשוּט'ער "בַּעַל מְלָאכָה", אַ אַרבייטער אויף אַ פאַבריקע, אָדער אַ געשעפטסמאַן, אַ סוֹחֵר, אַ באַנקיר, ווייס און פיהלט, אַז ער האָט אַ בעשעפטיגונג וואָס איז איהם טייער, ליעב, אַז זיין נְשָׁמָה איז ווי צוגעוואַקסען צו זיין אַרבייט, צו זיין פלאַץ אין דער געזעלשאַפט. בעזאָנדערס זעהען מיר, אַז די געלעהרענטע מענשען און קינסטלער זענען ענג פערבונדען מיט זייער גייסטיגער אַרבייט. וואָס פאַר אַ געלעהרענטער אָדער וואָס פאַר אַ קינסטלער קען שוין דאָרטען זיין, אַז ער היינגט ניט מיט זיין גאַנצער נשמה, "מיט לייב און לעבען" צו זיין אַרבייט? קיין מענש אין דער וועלט קען ניט עטוואָס רעכטעס דערגרייכען הֵן אין זיינע לִמוּדִים, הֵן אין זיין קינסטלערישער אַרבייט, אַז ער ווערט ניט געשטויסען דערצו פון אַ אינעווייניגער, טיעפער און שטאַרקער קראַפט, ווען זיין אַרבייט אַליין מאַכט איהם ניט גליקליך, גיט איהם ניט אַ זיסע בעפרידיגונג...

געוויס זענען צווישען די יודישע סטודענטען פאַראַן פעהיגע און טאַלענטפאָלע מענשען; געוויס זענען דאָ אויך אַזוינע וועלכע ליעבען זייער בילדונג פון גאַנצען האַרצען, מיט דעם גאַנצען פייער פון דער נשמה, וואָס געפינען שוין אין זייער גייסטיגער אַרבייט אַ געוויסע בערוהיגונג פאַר זיך, אַ גרויסע היילינע פרייד... אָבער מיר מוזען דאָך מוֹדֶה זיין, אַז אין כְּלָל גענומען בעווייזט די מַעֲשֶׂה, וואָס אונזער יוגענד יאָגט זיך נאָך "איראָפּעאישער בילדונג" אָדער נאָך מעהר נאַך "דיפּלאָמירטער בילדונג", גאָר ווייניג, אַז זי ליעבט די "בילדונג" און געפינט אין איהר איהר אידעאַל; פון "תּוֹרָה לִשְׁמָהּ" קען גאָר קיין רייד ניט זיין. גאַנץ אַנדערע געדאַנקען און מאָטיווען טרייבען דעם יודישען יונגען מענשען ווי אַ פינסטערע קראַפט אין די אייראָפּעאישע אוניווערזיטעטען, און אָפט קען ער זיך אַליין ניט געבען קיין רעכנונג, וואָס ער וויל און צו וואָס ער שטודירט אייגענטליך. אַז מען קוקט זיך אַמאָל צו און מען זעהט, וואָס פאַר אַ מִין "קליינינקע מענטשליך", — מיט וואָס פאַר בעשרענקטע פעהיגקייטען און דאָס רוֹב אויך מיט וואָס פאַר אַ קנאַפּינקע־פאָרבילדונג, טרייבען זיך אַרום רוסישע יודען אין די אויסלענדישע אוניווערזיטעטען, ווי ווייניג אמת'ע בעגייסטערונג זיי האָבען פאַר דאָס וואָס זיי לערנען, — אַז מען זעהט דאָס אַליין, טהוט וועה דאָס האַרץ פאַר אונזער שטודירענדע יוגענד... עס וועט ניט גאַנץ ריכטיג זיין, אַז דער יוד זוכט נור פַּרְנָסָה אין זיין "בילדונג". זיכער שפּיעלט פַּרְנָסָה דערביי אויך אַ ראָליע. אַ געבילדעטער קען גיכער קומען צו אַ שטיקעלע תַּכְלִית אין לעבען, קען גיכער פערדיענען זיין שטיקעלע ברויט, וואָס קומט דעם יודען אַזוי שווער אָן אין היינטיגע שווערע צייטען; געוויס ווערט פאַר אַ דיפּלאָמירטען "יונגער מאַנטשיק" דאָס ענגע יודישע וועלטעלע אַביסעלע אָפענער, אַביסעלע פרייער... געוויס זענען פאַראַן אָרומע סטודענטען, וואָס לערנען מעהר ניט ווי פון פרנסה וועגען. אָבער אַזוינע זענען ניט אַלע. דַוְקא צווישען די אָרומע סטודענטען געפינט מען נאָך "נאַרישע אידעאַליסטען" וואָס לערנען אַזוינע הכמות, וואָס געבען זעהר זעלטען אַ זיכערע פרנסה. "פרנסה־שטודיען" אינטערעסירען געוועהנליך מעהר די נגיד'עשע קינדער, און דערינען ליעגט דאָס גאַנצע וואונדער. אַזאַ מין "נגיד'עשער סטודענט" ווייס גאַנץ גוט, אַז דער דיפּלאָם איז איהם גאָר ניט נייטהיג, אַז ער דאַרף גאָר ניט די פרנסה פון זיין שטודירען, ער פיהלט, אַז איהם אינטערעסירען גאָר גאַנץ אַנדערע וויסענשאַפטליכע פראַגען, און דאָך וועט ער שטודירען דוקא עפּיס אַ פּראַקטישע וויסענשאַפט: מעדיצין אָדער טעכניק אָדער כימיע, חאָטש ער האָט צו די לִמוּדִים גאָר קיין חֵשֶׁק ניט, גאָר קיין פעהיגקייטען ניט. צו וואָס שטודירט ער אַזוינע וויסענשאַפטען? פרעגט ביי איהם, ער ווייס אַליין קיין רעכטען תֵּירוּץ ניט. און אפילו די עטליכע יונגע מענשען וואָס לערנען ניט פרנסה־וויסענשאַפטען, און נאָך מעהר דער רוֹב פון אונזערע סטודענטקעס, וועלכע קומען אין אויסלאַנד מעהר ניט ווי צו בעקומען אַ בעסערע בילדונג, לערנען אייך עפּיס אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַךְ, ווי ווייניג איז דאָ צווישען זיי אַזוינע וואָס ליעבען זייערע שטודיען, וואָס פאַרשטעהן זיי ווי עס דאַרף צו זיין, וואָס ווילען זייער גאַנצעס לעבען ווידמען דער וויסענשאַפט און גייסטיגער אַרבייט!...

אין דעם טרויעריגען פאַקט זעהט מען די ווירקונג פון אונזער טויזענד־יעהריגער געשיכטע אין גָלוּת. אין דעם יודענס אויגען פון אַלטען דוֹר האָט די אייראָפּעאישע בילדונג אויסגעזעהן ווי אַ פרעמדע קראַפט, וואָס קען זעהר געפעהרליך ווערען זיין אייגענער קולטור, דערפאַר פלעגט דער יוד אַנטלויפען פון איהר, זיך איינשליסען אין זיין חֶדֶר.

די צייטען האָבען זיך געענדערט, דער יוד לויפט שוין יעצט נאָך "אייראָפּעאישער בילדונג", אין דאָך בלייבט זי איהם מעהרסטענטהיילס פרעמד, ער דערקענט זי ניט אין איהר אינעווייניגסטען קערנדיל, ער זוכט אין איהר אַ מיטעל, אַ תַּכְלִית, אַליין וואָס איהר ווילט, אָבער קיין בעפרידיגונג פאַר זיין זעעלע, קיין אידעאַל פאַר זיך...

דערפאַר זעהען מיר טאַקע, דאָס דער רוֹב יודישע סטודענטען אין אויסלאַנד לערנט נור דאָס, וואָס האָט אַ פּראַקטישען ווערט; מען שטודירט כימיע, אינזשינערסטווע, מעדיצין, האָטש זעהר זעלטען האָט דער יודישער סטודענט די נייטהיגע פעהיגקייטען צו די זאַכען וואָס ער לערנט. און דער סטודענט דער יודישער פיהלט עס גאַנץ גוט און ווייס עס, אַז ער ווערט ווי מיט געוואַלט, געגען זיין וואונש, אינזשיניער, דאָקטאָר אָדער כימיקער. ער איז געוועהנליך ניט צופריעדען מיט זיין אַרבייט, ער געפינט אין איהר ניט די נייטהיגע בעפריעדיגונג, ער קען זיך איהר ניט אָבגעבען מיט אַלע כֹּחות פון זיין נְשָׁמָה! תָּמִיד פיהלט ער, אַז אין זיין האַרץ בלייבט עפּיס ווי פוסט, אַז די בעשעפטיגונג צו וועלכער ער גרייט זיך צו פּאַסט זיך ניט צו זיין כאַראַקטער און צו זיינע פעהיגקייטען, תָּמִיד זוכט ער אַין דער בילדונג עטוואָס וואָס זי גיט איהם ניט און קען איהם ניט געבען. און צום סוֹף בלייבט איהם נור איין טרייסט, אַז די בילדונג גיט דאָך אַ "תכלית אין לעבען". אַ טרויעריג, אונערטרעגליכעס געפיהל פאַר יעדען אינטעליגענטען מענשען...

אין די פריהערדיגע, אַמאָליגע צייטען האָט דער יוד נאָך אַ אַנדער סאָרט בילדונג געהאַט, זיין א י ג ע נ ע בילדונג. ער האָט געלערנט זיין אייגענע תּורה. די תּורה און פּרנסה זענען געווען צוויי בעזונדערע זאַכען, גאָר אָבגעטהיילט איינע פון דער אַנדערער. דער יוד האָט געהאַנדעלט, געקרעמערט, געוואוכערט; די פעלקער פון מַעֲרָב־אייראָפּא האָבען איהם מיט געוואַלט צום הענדלער און וואוכערער געמאַכט... און ער האָט געזיפצט אונטער זיין יאָך, געהאַנדעלט און געקרעמערט, און פון אַלע זייטען דערפאַר בעקומען האַס, שפּאָט און רְדִיפוֹת — און ער האָט אָהן ליעבע צו זיין זאַך ווייטער און ווייטער "זיינע געשעפטען" געמאַכט...דערפאַר אָבער האָט ער די תּורה מיט זיין אייגענעם רָצוֹן געלערנט; ד י ת ו ר ה איז ביי איהם ניט געוועזען קיין סְחוֹרָה, זי איז געוועזען פערקעהרט, אַ ציעל פאַר זיך אַליין, זי איז געוועזען ביי דעם יודען זיין גאַנצער שטאָלץ און זיין גאַנצע האָפענונג, זי האָט איהם געגעבען אַ מאָראַלישע בעפריעדיגונג, גליק אין רוהע אין דעם אונרוהיגען קאַמפף פאַר זיין אָרומען לעבען. כִּמְעַט יעדער יוד האָט פאַר דער חֲתוּנָה אין בֵּית־מדרש געלערנט, איז געווען אַ "יְשִׁיבָה־בָּחוּר". און אַז דער ישיבה־בחור האָט זיך די גאַנצע נאַכט געשאָקעלט איבער זיין גרויסער "גְמָרָא" און מיט זיין אומוטהיגען ניגון געזונגען און געוויינט איבער פערשיעדענע פראַגען פון דער אַלטער, לאַנג־לאַנג פערקלונגענער גמרא־וועלט — האָט ער זיך בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה געפיהלט גליקליך און צופריעדען... מיט גרויסער אונצופריעדענהייט, אָהן חֵשֶׁק, פלעגט דער בָּחוּר פאַרלאָזען זיין ענגען "בית־מדרש" און לאָזען זיך שווימען אין דער גרויסער, ווייטער, שטורמישער ווירקליכער וועלט... און אָפט־אָפט נאָך דער חתונה, אין די שווערסטע מינוטען פון זיין לעבען, אַז די מִלְחָמָה מיט די שׂוֹנְאִים פלעגט צו שווער, צו שרעקליך ווערען, איז דער פריהערדיגער ישיבה־בחור צו-

ריק געלאָפֿען אין בית־מדרש, האָטש אויף אַ ווײַלע לערנען, האָטש אויף אַ ווײַלע פֿערגעסען זייַנע ביטער׳ע צרות, זײַן פֿינסטערע נויטה...

די היינטיגע תּורה ביי דעם יודישען סטודענטען איז גאָר אַ אַנדערע. נייע, פֿיעל מעהר אינטערעסאַנטע, לעבענדיגע פֿראַגען רעדען צו דעם יודישען סטודענטען פֿון היינטיגע ביכער, פֿון היינטיגע שולען, ער לעבט אין אַזאַ וועלט, וועלכע איז איהם, דאַכט זיך, נאָהענט, וועלכע רוישט און שוימט מיט איהרע שטאַרקע הוואַליעס פֿאַר זיינע אויגען; ער שטודיערט די נאַטור, די מענשען, די געזעלשאַפֿט. וואָס העלפֿט דאָס אָבער אַלסדינג, אַז די „תּורה" האָט איהר אייגענעם ווערט פֿערלאָרען; אַז זי איז ווי אַ מין „סחוֹרה" געוואָרען, ווי אַ „מיטעל" צו ריין פּראַקטישע אינטערעסען, אַז דער יודישער סטודענט ווייס ניט וואָס אייגענטליך ער זוכט אין דער בילדונג.

(ענדע קומט).

ה. ד. הורוויץ.

---

# פּאָליטישע איבערזיכט.

די וִכּוּחִים אין ענגלישען פּאַרלאַמענט האָבען קיין פֿערענדערונג אין דער לאַגע ניט אַרויסגערופֿען. ווי שאַרף עס האָבען ניט גערעדט די אונצופֿריעדענע און די געגנער פֿון דער איצטיגער מִלְחָמָה, זענען זיי דאָך ניט אַזוי וויט געגאַנגען, אום פֿאָרצושלאָגען שָׁלוֹם. אין דעם אַז די מלחמה דאַרף נאָך ווייטער געפֿיהרט ווערען, ביז די ענגלענדער ווילען פֿאָרט מְנַצֵחַ זיין, זענען אַלע דעפּוטאַטען געווען איין דֵעָה. דער פֿאָרשלאַג אויסצודריקען די אונצופֿריעדענהייט דעם איצטיגען מיניסטעריום, וואָס האָט ניט געפֿיהרט די מלחמה מיט דער געהעריגער פֿאָרזיכטיגקייט און פֿאָרבערייטונג, איז אויך ניט אָנגענומען געוואָרען, וּבְכֵן בלייבען דיזעלביגע מיניסטאָרען, ווען דער פּאַרלאַמענט בעשטעטיגט נייע גרויסע סומען געלד אויף ווייטער צו פֿיהרען די מלחמה.

דיזעלביגע ענערגיע ווי אין פּאַרלאַמענט בעווייזען אויך די ענגלענדער אין דער מלחמה. שוין 2 מאָל בעזיעגט פּרופּט בולער אַ דריטעס מאָל זיך צושלאָגען צו לעדיסמיט. ער איז ווידער אַריבער איבער׳ן טייך טוגעלא און פּרופּט ווייטער זיין גליק אין קאַמפּף מיט די בוירען.

ביי אַזאַ ענערגיע און ענטשלאָסענהייט, וואָס ווייזען אַרויס די ענגלענדער, קען מען נאָך ניט זיך ווענדען צו ענגלאַנד און פֿאָרשלאָגען שָׁלוֹם. דעם שלום ווילען די ענגלענדער קענען אָננעהמען ערשט נאָך עטליכע גרויסע מַפָּלוֹת אָדער נאָך אַ נִצָחוֹן. דער כָּבוֹד פֿון ענגלאַנד קען ניט דערלאָזען, אַז איהר חַיִל זאָל ניט קענען אויסשטעהן אַ מלחמה מיט דער קליינער טראַנסוואַלער רעפּובליק.

און דערווייל, בְּעֵת ענגלאַנדס הענד זענען געבונדען אין דער מלחמה, נוצען אַנדערע מלוכות אויס די גוטע געלעגענהייט צו שטאַרקען זייער איינפֿלוס אין אַזוינע ערטער, וואו ענגלאַנד וואָלט זיי פֿריהער ניט אַזוי גיך דערלאָזען.

רוסלאַנד האָט איצט געליהען דער מְלוּכָה פָּרַס 22½ מיליאָן רובל, אַזאַ הַלְוָאָה מאַכט מען ניט צוליעב די פּראָצענטען, אַזאַ הלואה האָט אַ פּאָליטישען צוועק. רוסלאַנד וועט דורך דער הלואה שטאַרק פֿערגרעסערן איהר איינפֿלוס אין פּרס, זי וועט דאָרט בויען אייזענבאַהנען, וועלכע עס ווילען פּרס פֿעראייניגען מיט רוסלאַנד, זי וועט דאָרטען אַריינברענגען רוסישע סחורה און זי וועט מיט דעם אַרויסשטופּען די ענגלענדער פֿון פּרס, וואָס סטאַרען זיך אויך שוין פֿון לאַנג אָן צו פֿערגרעסערן דאָרט זייער מאַכט.

אין אַנ׳אַנדער צייט וואָלטען די ענגלענדער געמאַכט לאַרם׳ איצט אָבער מוזען זיי רוהיג שטעהן און קוקען.

פֿאַר פּרס איז די הלואה זעהר וויכטיג, וויל די פֿינאַנסען פֿון לאַנד זענען אין גאַנצען אויסגעשעפּט. דאָס געלד וועט איצט געבען דער רעגירונג פֿון פּרס די מעגליכקייט איינצופֿיהרען בעסערע אָרדענונגען אין לאַנד.

פֿאַר אַלע מְלוּכוֹת אין מִזְרָח שטעהט איצט אויך אַ נייע צייט מיט נייע אויפֿגאַבען, זיי קענען ווייטער ניט בלייבען ביי דעם אַלטען לעבען, צו וועלכען זיי זענען צוגעוואָהנט פֿון דוֹר דוֹרוֹת. אייראָפּאַ געהט קיין אַזיען, און אויב די אַזיאַטישע מְלוּכוֹת ווילען ניט איינפֿיהרען בעסערע אָרדענונגען ביי זיך, אויב זיי ווילען ניט אָננעהמען די אייראָפּעאישע בילדונג און קולטור, ווילען זיי אַלע אונטערגעהן.

אין אַזיען הויבט מען שוין דאָס אָן צו פֿערשטעהן, און אין גאַנץ אַזיען הויבט זיך איצטער אָן אַ נייע הַשְׂכָּלָה בעוועגונג. אַ אינעווייניגסטע מלחמה צווישען די אַלטע מִנְהָגִים און מְסוֹרוֹת מיט די נייע אידעען.

אין דעם מאָהמעדאַנישען פּרס גרינדעט מען יעצט שולען און אויך די ערשטע אוניווערזיטעט. אין טערקיי ווערט אַלץ גרעסער די יונג־טערקישע פּאַרטיי, וואָס פֿאָדערט איינצופֿיהרען אין לאַנד אייראָפּעאישע בילדונג און אייראָפּעאישע אָרדענונגען אין דער פֿערוואַלטונג. די פּאַרטיי פֿאָדערט, אַז עס זאָל פֿערקלענערט ווערען די מאַכט פֿון סולטאַן, עס זאָל געגעבען ווערען דעם פֿאָלק מעהר פֿרייהייט. נאָר דורך גרויסע רעפֿאָרמען (פֿערענדערונגען) אין דער פֿערוואַלטונג האָפֿט די פּאַרטיי אַרויסצופֿיהרען טערקיי פֿון איהר איצטיגער שלעכטער לאַגע. די יונג־טערקישע פּאַרטיי האָט אַנהענגער אֲפִילוּ אין סולטאַנס הויף, די מיטגליעדער פֿון דער פּאַרטיי ווערען פֿערפֿאָלגט, פֿיעל פֿון זיי וואָהנען אין אייראָפּאַ, וואו זיי געבען אַרויס טערקישע צייטונגען און ביכער, צו פֿערברייטען זייערע געדאַנקען.

אפילו אין דעם אַלטען חינא הייבט זיך אויך איצט אָן צו ריהרען. חינא מיט איהרע 400 מיליאָן איינוואָהנער געהערט צו די עלטעסטע מְלוּכוֹת אין דער וועלט. די חינעזער זענען ניט קיין ווילדעס פֿאָלק. זיי האָבען די ערשטע אויסגעטראַכט פּולווער, דעם קאָמפּאַס און בוכדרוקעריי. אַלע חינעזער קענען לייענען און שרייבען, דאָס לאַנד האָט פֿיעל שולען. די בילדונג ווערט געאַכטעט פֿון גאַנצען פֿאָלק, אָבער זייער בילדונג איז אַנ׳אַלטע, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען מיט טויזענד יאָהר צוריק. בעוואונדערנדיג די אַרבייט פֿון די פֿריהערדיגע דוֹרוֹת האָבען די חינעזער אָנגעהויבען אַזוי הייליג צו האַלטען דאָס אַלטע, אַז קיין נייע זאַך האָט ניט געקענט ענשטעהן, יעדע נייע מיינונג איז געוואָרען אַ אֶפּיקורסיש, וואָס איז שטרענג פֿערפֿאָלגט געוואָרען. דאָס לעבען איז ניט געגאַנגען ווייטער, און חינא איז געבליעבען אַזוי ווי פֿערגליווערט ביי דער אַלטער קולטור. איהר וויסענשאַפֿט און איהר אַלטע פֿילאָזאָפֿיע איז געוואָרען אַזאַ אַרט גְּמָרָא, וועלכע איז הייליג ביים גאַנצען פֿאָלק און וועלכע עס ווערט פֿון גאַנצען פֿאָלק געלערנט.

די נייע ערפֿינדונגען און ענטדעקונגען זענען פֿאַר חינאַ געבליבען פֿרעמד. חינאַ האָט זיך אָבגעשלאָסען פֿון דער גאַנצער וועלט, ניט נור די פֿרעמדע קולטור איז געוואָרען טְרֵיף, נאָר אויך פֿרעמדע מענשען, וועלכע מען האָט גאָר אין גאַנצען ניט אַריינגעלאָזען ביי זיך אין לאַנד. זיך דערווייטערנדיג פֿון נייער קולטור, האָט חינאַ פֿערלאָרען די קראַפֿט אויסצושטעהן וואָס ס׳איז פֿאַר אַ קאַמפּף מיט אַ אַנדער פֿאָלק. אַזוי האָט חינאַ געהאַט די מַפָּלָה אין דער מִלְחָמָה מיט דער פֿיעל־מאָל פֿון איהר קלענערער מְלוּכָה יאַפּאַן, אַזוי האָט זי אין די לעצטע עטליכע יאָהרען געמוזט אָבטרעטען גאָר אָהן מלחמה גרויסע שטיקער ערד צו דייטשלאַנד, רוסלאַנד, פֿראַנקרייך און ענגלאַנד. מען האָט שוין אפילו אָנגעהויבען צו רעדען וועגען דער צוטהיילונג פֿון חינאַ.

די דאָזיגע נאַציאָנאַלע אומגליקען האָבען אָנגעהויבען אַביסעל אויסצונִיכטערן דאָס פֿאָלק, און אויך אין חינאַ בעווייזען זיך איצט די סִימָנִים פֿון אַ נייער הַשְׂכָּלָה פּאַרטיי, וואָס פֿאַרשטעהט גאַנץ גוט אַז בילדונג איז די איינציגע קראַפֿט, וואָס קען נאָך ראַטעווען די מְלוּכָה.

אינטערעסאַנט איז די רעדע פֿון דעם חינעזישען געזאַנדטען אין אַמעריקאַ, ער זאָגט אַז אומעטום אין חינאַ מערקט מען שוין די סִימָנִים פֿון דער נייער בעוועגונג, נאָר זאָגט ער גאַנץ ריכטיג — אַז אַ פֿאָלק פֿון 400 מיליאָן מענשען, וואָס האָט אַ טויזענדיעהריגע קולטור קען זיך ניט אַזוי גיך ריהרען! ווייטער זאָגט ער, און דאָ האָט אויך דער חינעזער רעכט — דאַרף מען ניט מיינען אַז אַלסדינג וואָס איז איינגעפֿיהרט אין אייראָפּאַ איז גוט, און פּאַסט אויך פֿאַר אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט. איבערנעהמענדיג די אייראָפּעאישע קולטור דאַרפֿען מיר זי צופּאַסען צו אונזער כאַראַקטער און צו אונזער לעבען.

אין עסטרייך זענען שוין צונויפֿגעקומען די דעפּוטאַטען פֿון די דייטשען און טשעכען, וועלכע סטאַרען זיך צוזאַמען מיט די מיניסטאָרען אויסצואַרבייטען אַ פְּשָׁרָה וועגען די שפּראַכען. דערווייל דרעהען זיך די וִכּוּחִים נור וועגען בעהמען.

די פֿאָרשטעהער פֿון די דייטשען און טשעכען האָבען גלייך פֿון אָנהויב מודיע געווען, אַז זיי קוקען אויף די אֲסִיפָה נור ווי אויף אַ אָרט, וואו מען קען זיך רוהיג פֿונ׳אַנדער רעדען, אַז אפילו אָננעהמענדיג די בעשליסע פֿון דער קאָמיסיאָן, האָבען זיי דאָס רעכט נאַכהער אין פּאַרלאַמענט איבערצובייטען זייערע מיינונגען און אויפֿשטעלען נייע פֿאָדערונגען.

די פֿראַגע וועגען בעהמען האָט זעהר פֿיעל שווירינקייטען. די דייטשען פֿערלאַנגען אַז בעהמען זאָל איינגעטהיילט ווערען אין טהייל. ערשטענס אין שטעדט און דערפֿער, וואו די איינוואָהנער בעשטעהען נור פֿון טשעכען, דאָרטען זאָל די רעגירונגסשפּראַך זיין די טשעכישע, צווייטענס, אין ריין דייטשע שטעדט, וואו די בעפֿעלקערונג בעשטעהט פֿון דייטשען און טשעכען, אין די ערטער זאָלען אנגענומען ווערען ביידע שפּראַכען.

די טשעכען אָבער זאָגען, אַז די איינטהיילונג איז פֿאַר זיי אונמעגליך, ווייל דאָס גאַנצע לאַנד, וואו ס׳איז אַמאָל געווען זייער מְלוּכָה, געהערט דעם טשעכישען פֿאָלק און עס דאַרף אומעטום נור טשעכיש זיין די איינציגע רעגירונגסשפּראַך.

די שווירינקייט וועגען דער דאָזיגער פֿראַגע און די שווירינקייט פֿון דער פֿראַגע, וויעפֿיעל דאַרפֿען זיין אין דער געגענד דייטשען אַז זי זאָל גערעכענט ווערען פֿאַר אַ געמישטע, זענען צו שווער און וועלען אֶפְשַׁר מאַכען די גאַנצע פְּשָׁרָה פֿאַר אונמעגליך.
י. ל.

---

## צווישען אונז גערעדט.

ווי די לעזער ווייסען זענען אַ פּאָר פאַנאַטיקער אַרויסגעטרעטען מיט פּאַסקווילען געגען דער בעוועגונג פֿון ציוניזם. עטליכע ציוניסטען האָבען באַלד אין „אַ אָפֿענעם בריעף" זיי געענטפֿערט מיט „ווייכע ווערטער" מיט גוטע רייד, זיי זאָלען ניט אָנמאַכען קיין מַחֲלוֹקֶת׳ן און ניט שטערען דעם שָׁלוֹם צווישען יודען, זיי, ווי ברידער, דערלאַנגט די הענד און געבעטען ביי זיי שלום.

דערמיט וואָלט זיך אֶפְשַׁר געענדיגט, נאָר אונזערע שרייבער, זאָלען לעבען, האָבען זיך באַלד אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף אַלע רַבָּנִים.

ווען שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל בעשולדיגען כְּלַל ישראל איבער אַפּאָר שלעכטע יודען, שרייען מיר געוואַלד: ווי קען מען איבער אַפּאָר יודען בעשולדיגען אַ ל ע יודען! נאָר דאָס איז שוין אַ כְּלָל אַז יעדער זעהט נור דעם צווייטענס פֿעהלער און אייגענע בעמערקט מען ניט.

קען דען זיין אַגרעסערער פֿעהלער ווי איבער עטליכע רבנים, אָדער ריכטיגער געזאָגט — פְּרוּשִׁים בעשולדיגען אַלע רַבָּנִים און אָנפֿאַלען אויף זיי און זיי בעשולדיגען אַז זיי זענען געגען אונזער פֿאָלקסבעוועגונג?

פֿאַר וואָס קומט אַזוי צו שענדען און צו בעליידיגען אַ ל ע רבנים איבער עטליכע פאַנאַטיקער?

מיר קענען אָנרופֿען פֿיעל רבנים וואָס זייער גאַנץ לעבען זענען זיי זיך מַקְרִיב פֿאַר יודען און וויפֿיעל איז דאָ אַזוינע וואָס טהון זייער גאַנץ לעבען פֿיעל גוטס פֿאַר יודען אין דער שטיל אָהן רעקלאַמעס, אָהן געשרייען און קיינער ווייסט ניט פֿון זיי אויסער דעם שטעדטיל אין וועלכען דער רָב געפֿינט זיך! און וויפֿיעל, וויפֿיעל געפֿינען זיך רבנים וואָס אַרבייטען אויך פֿיעל פֿאַר דעם ציוניזם!

„אָהן איין יודען איז אויך אַ יָרִיד" — אָהן די עטליכע פאַנאַטיקער וועט אויך דער ציוניזם געהן זיין וויטערען גאַנג.

די ציוניסטען וואָס האָבען אונטער געשריעבען דעם „אָפֿענעם בריעף" האָבען געפֿונען פֿאַר נייטהיג דַּוְקָא מיט „ו ו י י כ ע  ו ו ע ר ט ע ר", זיך בעטען ביי די עטליכע פְּרוּשִׁים זיי זאָלען ניט אָנמאַכען קיין מַחֲלוֹקֶת׳ן צווישען יודען, אָבער אָנפֿאַלען אויף די רבנים קען ניט פֿערלאַנגען קיין איינציגער ציוניסט, ווייל דער שָׁלוֹם צווישען יודען איז ביי זיי טייערער פֿון אַלעס.

נ י י ט ע ן די אַלע רבנים זאָלען ווערען ציוניסטען פֿערלאַנגט קיינער ניט. „אַגענייטע ליעבע טויג ניט". מיר יודען האָבען קיין מאָל ניט געבעטען וויא אַלע אַנדערע, מען זאָל צו אונז קומען...

„ווער עס קומט ניט צו אונזי קומט ניט צו אונז" זאָגט דאָס יודישע שפּריכוואָרט.

ווען מען דאַרף שוין יאָ אַמאָל רעדען מיט ד י רבנים וואָס זענען געגנער פֿון ציוניזם, ברויכט מען רעדען נור מיט „ווייכע ווערטער", וואָרום מיט האַרטע קען מען נור די מַחֲלוֹקוֹת פֿערגרעסערען.

יודען זענען אַזוי אויך גענוג צו לאָזען געגען זייערע רבנים, ניט קיין כָּבוֹד, ניט קיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ און ניט מען פֿאָלגט זיי. און אַ לעבען פֿיהרען אונזערע רבנים — פֿול מיט נויט, און ליידען פּראָסט הונגער, פֿון דעסטוועגען ביי אַזא געמוטשעט לעבען געפֿינען זיך פֿיעל רבנים וואָס יעדער אין זיין געגענד אַרבייט פֿיעל לְטוֹבַת הַכְּלָל מיט וואָס ער איז נור אין שטאַנד. עַל כָּל פָּנִים פֿערדיענען זיי נישט מען זאָל זייער כָּבוֹד נאָך מעהר מְחַלֵּל זיין.

פֿיעל גלייכער וואָלט געוועזען ווען אונזערע שרייבער זאָלען בִּכְלַל ווינציגער רעדען וועגען די פאַנאַטיקער, גענוג איז דער פּראָטעסט געגען זיי — דער אָפֿענער בריעף פֿון די ציוניסטען, און דאָס איבריגע לאָזט איבער דעם נאַטירליכען פֿערשטאַנד פֿון אונזער פֿאָלק וואָס פֿערשטעהט אַליין צו דערקענען זיינע אֱמֶתע און פֿאַלשע פֿאַרשטעלטע פֿריינד.

צום בעוואונדערען איז, וואָס אין דער זעלבער צייט וואָס די פּאָר פֿאַנאַטיקער ווילען איינרעדען דעם עוֹלָם אַז די ציוניסטען ווילען אַריינברענגען אַפִּיקוֹרסיש צווישען יודען, קומען שרייבער און בעשולדיגען די ציוניסטען, אַז זיי זענען צו פֿרום געוואָרען און דערמאַנען זיי די „הַטָּאוֹת־נְעוּרִים".

הַלְוַאי וואָלטען טאַקע אַ ל ע אונזערע הַטָּאוֹת־נְעוּרִים־ניקעס זיך אומגעקעהרט צום יודישען פֿאָלק און זיך אונטערעסירען מיט זיינע פֿריידען און ליידען.

*

מען האָט אונז צו געשיקט אַ רוסיש ביכעל מיט דעם נאָמען „צו דער פֿראַגע וועגען פֿערברייטען צווישען יודען ערד־אַרבייט" פֿון מ. וו. ר א ו ו י ט ש. אין דעם ביכעל ווערט איבערגעגעבען די געשיכטע און דער חֶשְׁבּוֹן פֿון דער „יודישער פֿערמע פֿאַר יודישע ערד אַרבייטער אין אָרגעיעוו".

די געשיכטע איז זעהר איין אינטערעסאַנטע און מיר רעכענען דערפֿאַר פֿאַר נייטהיג מיט איהר בעקענען אונזערע לעזער. אין אָ ר ג ע י ע וו האָבען זיך געפֿונען אַפּאָר גוטע מענשען וואָס פֿלעגט זיי דאָס הארץ וויי טהון קוקענדיג ווי יודישע אָרימע קינדער דרעהען זיך אַרום אין גאַס ליידיג, נאָך מעהר פֿלעגט זיי שרעקען די פֿראַגע וואָס וועט זיין פֿון די קינדער ווען זיי וועלען אויסוואַקסען, און אָט האָבען די גוטע אָרגעיעווער יודען פֿערטראַכט צו מאַכען פֿון אָרימע קינדער מענשען, ד. ה. מאַכען פֿון זיי ערדאַרבייטער. אין גאַנצען מיט 700 רובל האָבען זיי געגרינדעט די פֿערמע אויף 8 דעסיאַטין ערד. (4 געשענקט פֿון פּאָלקאָווניק א. זשיווקאָוויטש און 4 געדונגענע אין אַרענדע). די ערד געפֿינט זיך אויף שטעדטישען גרונט, ד. ה. וואו יודען מעגען וואָהנען. אין אָנהויב האָט מען דערווייל צוגענומען 12 קינדער. אין ערשטען יאָהר האָט מען פֿערזייעט קוקערוזע, אַרבּיס׳ פּאַסאָליעס, קאַרטאָפֿעל, אוגערקעס, א. ד. ג. אויסער אַ גאָרטען פֿאַר פֿערשיעדענע גרינוואַרג. דאָס אַלעס האָבען בעאַרבייט די יודישע קינדער אונטער דער הַשְׁגָּחָה פֿון אַ געדונגענעם יודישען ערדאַרבייטער. פֿון דעם ערשטען יאָהר האָט מען זיך איבערצייגט אַז די קינדער זענען פֿעהיג און האָבען ליעב בעקומען די ערדאַרבייט. מיט דעם האָבען זיך איבערצייגט ספּעציאַליסטען ווי דער געוויסער אַגראָנאָם ה׳ זיסמאַן (פֿערוואַלטער פֿון אָדעסער יודישער פֿערמע), ה׳ ר ע ש ק א (פֿערוואַלטער פֿון באַראָן גינצבורגס גיטער אין בעססאַראַביע) און נאָך פֿיעל אַנדערע.

אַ דאַנק וואָס באַראָן ג י נ צ ב ו ר ג האָט פֿון זיין גוט, וואָס גרענעצט זיך מיט דער פֿערמע אָבגעטהיילט 30 דעסאַטין ערד, האָט מען צור

אַי, אַי! ווי שֵׁען דָאס איז גֶעוֶוען,
בְּשַׁעַת דֶער מִזְבֵּחַ
פְּלֶעגְט בְּרֶענֶען דָארְטֶען און עֶס פְּלֶעגְט
פון וַויירֶעךְ גֶעהְן אַ רֵיחַ!...

אָט פִּיהְרֶען קְנֶעכְט אַ פֶעטֶען אָכְּס,
וָואס וֶועט אַ „עוֹלָה" וֶוערֶען...
די הֶערְנֶער אויסגֶעגִילְדְט; אַ קְרַאנְץ
פון רויזֶען אויפְ'ן שְׁטֶערֶען...

אָט פִּיהְרְט־מֶען יוּנְגֶע שֶׁעפְּסֶעלִיךְ;
אָט טְרָאגְט־מֶען פְּרוּכְט פון נָארְטֶען
מִיט טויבֶען, בּוימֵאייל, וֶועמֶעל־מֶעהְל...
קָרְבָּנוֹת—אַלֶע סָארְטֶען...

דֶער כֹּהֵן־גָדוֹל בֶּענְשְׁט דָאס פָאלְק;
די לְוִיִים זָאגֶען שִׁירָה...
די פִּיעדֶעל הויבְּט דֶעם נִיגוּן־אָן,
עֶס רוּפְט זִיךְ־אָב די לִירֶע;

די צִימְבְּלֶען זִינְגֶען צוּקֶער־זִים,
די טַאצֶען הַאסְטִיג קְלַאפֶּען;
עֶס הוּדֶעט־בְּרוּמְט דֶער קֶעסֶעל־פּוּיק,—
דֶעם אָטֶעם נִיט צוּ חַאפֶּען...

אוֹי, וֶועה איז אוּנְז! און דָאס איז אַלְץ
פַארְפַאלֶען!...

— — — — — — — — — —

לִיעבֶּע בְּרִידֶער!
ס'איז עֶפִּים נָאךְ גֶעוֶוען, וָואס אִיצְט
מִיר הָאבֶּען שׁוין נִיט וִוידֶער:

קָרְבָּנוֹת אָכְּסֶען, צִיעגֶען, בָּאק?
נֵיין! אַנְדֶערֶע קָרְבָּנוֹת
הָאט אוּנְזֶער לַאנְד גֶעבְּרַאכְט אַ מָאל,
גֶעאָפְּפֶערְט אָהְן רַחְמָנוֹת:

גִבּוֹרִים זֶענֶען דָאס גֶעוֶוען —,
וָואס הָאבֶּען בְּלוּט און לֶעבֶּען
פַאר זֵייעֶר גָאט, פַאר זֵייעֶר פָאלְק
מִיט פְרֵייד אַוֶועק־גֶעגֶעבֶּען...

אויף די קָרְבָּנוֹת וויין און קְלָאג,
מַיין פָאלְק, מִיט הֵייסֶע טְהְרֶערֶען—,
פון זֵיי דֶער אָנְדֶענְק זָאל אין דִיר
נִיט אויסגֶעלָאשֶׁען וֶוערֶען!...

עֶר זָאל בַּאפְלִיגֶעלֶען דַיין גֵייסְט,
עֶר זָאל אִיהְם בְּרֶענֶען, בְּרִיהֶען,
דוּ זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען בִּיזְ'ן טוֹיְדְט
דַיין פָאטֶערלַאנְד, דַיין צִיוֹן!...

ש. פרוג.

---

## ערינערונגען פון קינדישען לעבען.

פון י. דינעזאהן.

(פאָרטזעצונג)

פונקט דער הפך האט מיר געטראָפען מיט דעם אנדערען יודען, מיט קלמן מארינהאף.

קלמן מארינהאף, אזוי האבען איהם נור זיינע תלמידים דייטש־ליך גערופען, אין שטאדט האט ער קיין אנדער נאמען ניט געהאט ווי קלמן דער אפקורוס. וואָס דאָס איז אזוינס אפקורוס, האב איך נאך ניט געוואוסט. נאר פון די חברים האב איך געהערט, אז דער קלמן איז אזא מין פערשאָלטענער יוד, וואס האט פערקויפט זיין נשמה צום שטן, און איצט האט ער קיין אנדער ארבייט ניט, נאר צו טהון טאג און נאכט אלערליי עברות, כדי צו דערצאָרענען גאט, משיח זאל ניט קענען קומען אויסצולייזען די יודען פון גלות. און איך געדענק ווי עס פלעגען איהם נאכלויפען הדר־יונגליך און נאכשרייען איהם די אותיות פון דייטשעסן .A. B. C און מיט אַ בעזונדערן נגון זינגען! „קאַ, על, עם, ען, אָ, פע, קו, ער, עס!...." און ער פלעגט זיך געהן זיין וועגס צושמייכלענדיג, אזוי ווי דאס וואלט איהם נאך א הנאה געטהון.

און אזא שענער איז ער געוועזען, אַ זעלכע שענע לאנגע געקרויזעלטע האָר האט ער געהאט ארום און ארום, אז עס האט זיך אַ ברעקיל פאה אפילו ניט אנגעזעהן, אזוי שען און ריין איז ער שטענדיג אנגעטהון געוועזען, האטש ניט קורץ, ווי די דייטשען געהען, נאר עפיס גלאט אזוי פיין, א פערגניגען געוועזען זעהען איהם — און אזוי שען פלעגט ער מקבל שבת זיין פרייטאג צו נאכט אין דעם דייטשעסען מנין, וואס איז אין דעם אנדערען הויז פון מיין היים געוועזען, און וואו איך פלעג אַלע שבת דאַוונען. און ווי פיין פלעגט ער לייענען אין דער תורה, און דער נגון זיינער פון מפטיר, איז א מחיה געוועזען צו הערען.

איך האב געוואוסט, אז אין דעם מנין דאוונען נור דייטשען, פון שבת צו שבת, אז אלע, וואס דאַוונען דא — זענען ניט פרומע, נאר ערגער פאר אלעמען איז קלמן. איך וואלט דא ניט גדאַוונט, ווען מיין טאַטע וואלט א היימיגער געוועזען, נאר אהן דעם טאטען האט די מאמע מיך ניט געלאזען געהן אין נרויסען בית המדרש, און פלעגט זאָגען: שבת מעגסט דו געוויס דא דאוונען, ווייניגסטענס, וועסט דו דא ניט קענען שטיפען ווי אין בית המדרש.

אַ חבר מיינער, האט מיר אמאל געזאגט, אז אונטער קלמן דעם אפקורוס איז אלע מאל אָפען דער גיהנם, און איך פלעג מורא האבען צום עמוד צוצוגעהן, איך זאל צוליעב איהם אין גיהנם ניט אריינפאלען. פונדעסטוועגען, פלעג איך קוקען אויף איהם און מיט פערגניגען הערען זיין דאוונען, זיין לייענען מפטיר, און מיר פלעגט שטארק פערדריסען, פאַר וואס ער האט זיין נשמה פערקויפט צום שטן...

— וואָס לערנט ער מיט זיינע תלמידים? האב איך אמאל מיינעם א חבר געפרעגט, וואס ער האט איהם בעת מעשה געשאלטען. דער חבר איז מיט דריי יאהר עלטער געוועזען פאר מיר, און האט שוין לאנג געלערענט גמרא, בעת איך האב ערשט מיט א פאָר וואכען צוריק אנגעהויבען רש"י. דעם חבר האב איך אלץ געגלויבט. איך האב געמיינט, ער ווייס אלץ, אומזיסט לערנט ער שוין גמרא און איז נאך דעם רב'ס א אייניקעל?!

— תלמידים, זאגסט דו? האט זיך דער חבר אויף מיר אנגע־בייזערט, מען טאר זיי ניט אנרופען מיט אזא הייליגען נאמען! זיי טראגען די פאות פארלעגט הינטער די אויערן, דערמיט פערקרימען זיי די מצוות, געהען מיט קורצע רעקליך, אזוי ווי די דייטשעסע שקצים, רעדען דייטש, און אפילו חומש לערענט זייער רבי דער אפקורוס מיט זיי אויף דייטש! פערשטעהסט?

— וואָס זענען זיי שולדיג, האָב איך געפרעגט, אַז זייער רבי לערנט מיט זיי אַזוי?

— מאַלע וואָס ער לערנט! האָט זיך מיין חבר אָבגערופען, זיי דאַרפען איהם ניט פאָלגען!

— אָבער זייערע טאַטעס הייסען זיי דאָך ביי איהם לערנען! האָב איך נאָך אַלץ זיי פערענטפערט.

— ווענען דאַרף מען גיכער פאָלגען, האָט מיין חבר מיך פלוצלונג אַ פרעג געטהון, אַ טאַטען, אָדער גאָט?

איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, ניט ווייל איך האָב ניט געוואוסט, אַז גאָט דאַרף מען פריהער פאָלגען פאַר אַטאַטען, נאָר ווייל מיר איז שווער געוועזען מודה צו זיין, אַז די יונגליך, אַזאָלכע שענע

און פֿיינע יונגליך, האָבען שוין אַ גרויסע עֲבֵרָה, וואָס זיי לערנען ביי אַזאַ רָבִּי׳ן.

— זאָלסט עס געדענקען, האָט דער חבר, זיך ווידער געווענדט צו מיר ווי אַ עלטערער גוטער פֿריינד, אַז גאָט דאַרף מען אָלץ און אַלע מאָל פֿאָלגען, מעהר פֿון אַ טאַטען, מעהר פֿון אַ רבי׳ן אפילו, און אַז אַ טאַטע און אַ רבי אפילו הייסען אָבקעהרען פֿון גאָטס וועג און טהון אַ עֲבֵרָה, טאָהר מען זיי ניט פֿאָלגען, און מען האָט נאָך אַ מִצְוָה, וואָס מען פֿאָלגט זיי ניט! גאָט אָבער מוז מען אָלץ, אָלץ פֿאָלגען, איך וואָלט איהם פֿאָלגען, אַז ער זאָל מיך נור הייסען, אפילו אויפֿ׳ן שפּיץ שוהל דאַך אַרויפֿקריכען און זיך אַראָבוואַרפֿען.

— וואָלסט דאָך געהרג׳ט ווערען, האָב איך איהם בעמערקט.

— אפילו געהרג׳ט ווערען. האָט דער חבר געענטפֿערט. אַז גאָט אַליין וואָלט עס הייסען, וואָלט ער מיך באַלד לעבעדיג מאַכען, פֿערשטעהסט? און איך, האָט זיך נאָך אַ חֵדֶר־יונגיל אָבגערופֿען, וועלכער האָט זיך איצט בעשעפֿטיגט מיט גלאָז שניידען מיט אַ שטיינדיל ערגיץ, וואָס ער האָט פֿון זיין הייס געבראַכט, און איך, דו זעהסט אָט דאָס שטיק גלאָז, איך וואָלט עס אַראָבשלינגען, אַז גאָט אַליין זאָל מיר נור הייסען און גאָר קיין מוֹרָא האָבען.

— פֿערד! האָט מיין חבר אויף איהם אַ געשריי געטהון, צו וואָס זאָל דיר גאָט הייסען אַזאַ נאַרישקייט? נאַ דיר, גאָר אַ שטיק שפּיציג גלאָז אַראָבשלינגען!

— צו וואָס זאָל דיר גאָט הייסען פֿון שפּיץ שוהל־דאַך זיך אַראָבוואַרפֿען? האָב איך געפֿרעגט.

— פֿון אַ נסיון ווענען! ווי ער האָט געהייסען קוילען יצחק׳ן צו פּרובען אברהם׳ן אויב ער וועט איהם פֿאָלגען! האָט מיין חבר דערקלערט. איך האָב נאָך אָלץ ניט פֿערשטאַנען. מיט וואָס איז זיך אַראָבוואַרפֿען פֿון שפּיץ שוהל־דאַך מעהר נִסָיוֹן ווי איינשלינגען אַ שטיק שפּיציג גלאָז, האָטש דאָס לעצטע האָט מיר אויסגעוויזען אַ סך שווערער.

נאָר מיין חבר, האָט פֿיינט געהאַט, מען זאָל איהם אַ סך מאָל איבערפֿרעגען און האָט אונז אָנגעהויבען דערצעהלען אַ מַעֲשֶׂה פֿון די לָמֶד־וָיו׳ניקעס, און דער סוֹף איז געוועזען, אַז ער וויים זיכער, אַז ר׳ מאיר יעקע איז אויך איינער פֿון זיי. אויף זיין זְכוּת האַלט זיך די גאַנצע וועלט, און אַז ער זאָל נור וועלען, וואָלט מָשִׁיחַ שוין קומען.

— פֿאַר וואָס וויל ער ניט? האָב איך, איהם אָלץ גלויבענדיג, געפֿרעגט.

— ער וויל ניט נור איבער קלמנ׳קע אַפּקוֹרוֹס, האָט מיין חבר זיכער געזאָגט. פֿאַר וואָס זאָל טאַקי אַזאַ רָשָׁע דערלעבען משיח׳ן? אדרבה, לאָמיר זיין פּרוּש, בעטען גאָט, קלמן זאָל פֿגר׳ן, וועט שוין ר׳ מאיר יעקע קיין תּרוּץ ניט האָבען, וועט ער טאַקי באַלד אַראָב ברענגען משיח׳ן!

משיח זאָל קומען, האָב איך שטאַרק געהאָפּט, און נאָך שטאַרקער געוואָלט, ער זאָל וואָס גיכער קומען. און איך האָב אַ וויכטיגע סִבָּה געהאַט, וואָס מיר האָט זיך עס אַזוי שטאַרק געוואָלט. ערשט פֿאַר יאָהרען איז מיינס אַ ברודער׳ל געשטאָרבען, אַ שען קינד, וואָס איך האָב זעהר ליעב געהאַט. מיין גאַנצע טרייסט, נאָך זיין טוידט, איז געוועזען: משיח וועט קומען, וועט זיין תְּחִיַת הַמֵּתִים, וועט מיין ליעב ברודער׳ל לעבעדיג ווערען. דאַריבער האָב איך זעהר געוואָלט טאַקי גאָט בעטען, אַז קלמן זאָל וואָס גיכער שטאַרבען און זאָל שוין משיח קומען, מיין ברודער׳ל זאָל צוריק לעבעדיג ווערען און די מאַמע זאָל אויפֿהערען צו וויינען שטילערהייד, ווען זי דערמאַנט זיך אָן איהם. אָבער עפּיס האָב איך ניט געקענט בעטען אַ טוידט אויף קלמנ׳ן און אַז איך פֿלעג איהם זעהן, פֿלעגט מיין האַרץ איהם, געגען מיין ווילען, ווינשען לעבען און לעבען, האָטש איבער איהם קומט משיח ניט און מיין ברודער׳ל מוז נעבּיך נאָך ליגען אין קֶבֶר.

און ניט נור מיר קליינע חדר־יונגליך האָבען קלמנ׳ן שולדיג געמאַכט, וואָס משיח קען ניט קומען, נאָר די גרויסע יודען און יודענעס האָבען איהם נאָך אין ערגערע זאַכען בעשולדיגט. לויט נאָך מיין דאַמאָלינען בעגריף. און איך געדענק ווי איינמאָל, מען האָט נור וואָס אָבגעדאַווענט, דער עוֹלָם האָט נאָך אַפּילו טַלִית און תְּפִלִּין ניט אויסגעטהון, האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעריסען אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ איין עלטערע יודענע, מיט רויט אָנגעוויינטע אויגען, איז צו גלייך צום אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, אַ ריס־געטהון דעם פָּרוֹכֶת, געעפֿענט בײדע טהירליך, אַריינגעשטעקט איהר קאָפּ, זיך מיט בײדע הענד אַרומגעהאַפּט אַרום די ריינינקייטען, און מיט אַ שרעקליכען געוויין אָנגעהויבען טַעֲנָה׳ן:

הייליגע, ליכטיגע סֵפֶר תּוֹרוֹת! וואו שטעהט עס אין אייך געשריבען, אַז איבער די זינד פֿון דעם כּוֹפֵר, קלמנ׳קע דעם אַפּקוֹרוֹס, זאָל מיין אונשולדיג קינד מיר אָבגענומען ווערען פֿאַר דער צייט?! אַזאַ פֿרום קינד, אַזאַ יונג בוימעלע, אויסגעהאָדיוועט מיט גרויס מיה און פּיין, מיט מַזָּל חֲתוּנָה געמאַכט, אַ קינפּעטאָרין, אַ ערשטלינג נעבּיך. און דאַרף זיך שוין געזעגענען מיט דער ליכטיגער וועלט, מיט איהר טהייערען מאַן דעם מוּפְלָג, מיט איהר ערשט קינד, וואָס זי האָט ערשט מיט דריי טעג צוריק געבוירען, און נעהן אין פֿינסטערן קבר נעבּיך!... פֿאַר וואָס? פֿאַר וועמענס זינד? פֿאַר קלמנ׳קען, זאָל ער קיין גוטס ניט האָבען, פֿאַר זיינע עֲבֵרוֹת! אוי תּוֹרוֹת הייליגע, אוי סְפָרִים ריינע, זעהט וואָס טהוט זיך איבער איהם ביי אונז אין שטאָדט, עס פֿאַלען אונשולדיגע עופֿה׳ליך נעבּיך אין די וויגעליך, עס שטאַרבען קינפּעטאָרינס אין די בעטען, אויסגעריסען, אויסגעבראָכען ווערען שענע צווייגעליך און יונגע בוימעליך! עס ווערען קינדער אָבגענומען פֿון עלטערען און יונגע מאַמעס פֿון זייערע קינדערליך!... שווייגט ניט, הייליגע תּוֹרוֹת, פֿליהט אַרויף צו גאָט, בעט איהם, ער זאָל שוין איינשטילען זיין גרים צאָרן, צוררייסען דעם ביטערען גְּזַר דִּין פֿון מיין קינד, מיר פֿינסטערע מאַמען, מיין קינד אָבגעבען, דער יונגער קינפּעטאָרין איהר רְפוּאָה צושיקען, און זאָל ער טאַקי בעווייזען זיין דִּין, זיין מִשְׁפָּט אויף דער וועלט און זאָל זיין שטראָף שיקען אויף דעם שולדיגען, אויף קלמנ׳קען, דער ערשטער דונער זיינער זאָל איהם טרעפֿען, און די וואָס געהען אין דיינע וועגען זאָלען מעהר פֿון קיין קרענק און פֿון קיין צַער ניט וויסען!

די וואָס האָבען איהרע טַעֲנוֹת געהערט האָבען געוויינט, אויך מיינע אויגען זענען פֿול טהרערען געוואָרען, דאָס האַרץ האָט געקלעמט און מיר האָט געדאַכט מיין האַלז האָט זיך מיט שטריק צוגעשנורט, און איך קען קוים דעם אָטהעם אָבהאַפּען.

אין בית המדרש איז אַ רעש געוואָרען.

— ביז וואַנען וועט מען עס בֶּאֱמֶת ליידען פֿון איהם? האָט איינער געשריען. ווען האָבען מיר פֿון אַזעלכע גְזֵרוֹת געהערט, פֿון אַזעלכע קלאָגען געוואוסט! זינט דאָס שוואַרציאָהר האָט דעם אַפּקוֹרוֹס געבראַכט צו אונז, איז וואָס אַ טאָג, אַ נייע גזרה, וואָס אַ שעה אַ נייע קלאָג!

— עס איז אַ מצוה איהם ווי אַ הערינג צורייסען! האָט געשריען אַ הויכער יוד, מיט אַ גרויסען תּפלין־של־ראש אויפֿ׳ן שטערן. און אין אַנדער שטאָדט, וואָלט אַזאַ מענש שוין לאַנג אַכַּפָּרָה געוואָרען פֿאַר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, נאָר דאָ זענען דען אויך דאָ מענשען? וועט ווער אַ פֿינגער אויפֿהויבען אויף איהם?

— אַדרבה, האָט זיך נאָך איינער אָבגערופֿען, אַז איהר זייט יאָ אַזאַ מענש, דאָ געהט טאַקי, מאַכט פֿון איהם וואָס איהר קענט, און זאָל ער טאַקי ווערען די כּפּרה פֿאַר אונז אַלעמען!

— איך? וואָס עפּיס איך? איהר מיינט אפשר, פֿאַר איהם האָב איך מורא? האָט דער מיט דעם גרויסען של־ראש, געשריען, מיט איין ריהר וואָלט איך פֿון איהם מאַכען אַ גַל שֶׁל עֲצָמוֹת, נאָר פֿאַר זיינע בַּעֲלֵי בַּתִּים, פֿאַר די גְבִירִים, וואָס גיבען איהם זייערע קינדער אין חֶדֶר, האָב איך מוֹרָא, איך לעב פֿון זיי, און מיין פַּרְנָסָה, איז קלמנ׳קעס טְרֵפָה׳נער גליק, פֿערשטעהט איהר?

די איבריגע האָבען אויך דאָס איינגעוויזען. און בֶּאֱמֶת, ווער וויל זיך טשעפּען מיט גבירים, וואָס האַלטען שטאָל און אייזען פֿאַר אַזאַ אַפּקוֹרוֹס? נאָר גאָר שווייגען דאַרף מען אויך ניט, האָט איינער געזאָגט, און ווייסט איהר וואָס? מען מוז בעטען מאיר יעקען, וואָס האָט פֿאַר קיין גביר און פֿאַר קיין לייט ניט מורא, וואו עס איז שַׁייך צום כְּלָל, ער זאָל נעהמען די מצוה אויף זיך און טאַקי נאָך היינט ביי נאַכט זאָל ער מאַכען אַ בּאַרג אַש פֿון דעם אַפּקוֹרוֹס!

די עצה איז אַלעמען געפֿעלען. אַז ר׳ מאיר יעקע קען פֿון אַזאַ קלמנ׳ן, וואָס איז קוים אַ העלפֿט פֿון איהם — אַ באַרג אַש מאַכען, איז מיר קיין ספֿק ניט געוועזען. פֿון איין רעכטען קלאַפּ, האָב איך מיר פֿאָרגעשטעלט, וועלען זיך קלמנ׳ס אַלע ביינער צושיטען, אַז ער וועט עס טהון, איז מיר אַוודאי קיין שאלה ניט. ר׳ מאיר יעקע וויל שוין לאַנג זיין אַ קרבן פֿאַר כּלל ישׂראל, פֿאַר וואָס זאָל ער בּאמת לאָזען שטאַרבען אַזאַ יונג ווייביל נעביך, וואָס איהר מאַמע האָט אַזוי געקלאָגט? פֿאַר וואָס זאָל ער ניט מציל זיין קליינע עופֿה׳ליך, וואָס פֿאַלען נעביך ווי פֿליגען אין די וויעגעליך?

אַרויסגעהענדיג פֿון בית המדרש האָב איך געפֿיהלט, אַז עס טהוט מיר עפּיס אַזוי וועה דאָס האַרץ. עס האָט רחמנות אויף די וויינענדיגע יודענע, אויף איהר טאָכטער, וואָס מאַטערט זיך נעביך, און שטאַרבט שוין אפֿשר אין דער מינוט. איך גיב דער יודענע גערעכט, איך גיב דעם גאַנצען עולם גערעכט, פֿאַר וואָס זאָלען טאַקי אומשולדיגע קינדער שטאַרבען? פֿאַר וואָס זאָל טאַקי אַ פֿרום ווייבעלע נעביך ערשט פֿון קינפּעט אַוועק פֿון דער ליכטיגער וועלט אַהין אין דעם פֿינסטערן קבר. בּעת ער, קלמנ׳קע, דער וואָס איז שולדיג, געהט זיך אַזוי פֿרעהליך אין די גאַסען, מיט זיין טהייערען שטעקען, מיט די געגלאַנצטע שטיוועל? איך ווער אַליין אין כּעס אויף איהם און וואָלט איהם, דאָכט זיך, ווי אַ הערינג צוריסען, נאַר אָט שטעלט זיך מיר פֿאָר, ווי מאיר יעקע קומט אַריין צו איהם, גיט קלמנ׳ן אַ וואַרף, ער וויל זיך מציל זיין, הויבט אָן בעטען, נאַר מאיר יעקע הערט ניט, און גיט אַ געשריי; רשע, אפּיקורוס! און עס צושיטען זיך קלמנ׳ס אַלע ביינער. איך גיב אַ ציטער פֿון דעם געדאַנק, און דאָס האַרץ טהוט מיר נאָך מעהר וועה ווי פֿריהער.

(פֿאָרטזעצונג קומט)

---

## קאַליקעס.

א ראָמאַן אויס דעם יודישען לעבען אין רוסלאַנד.

### פֿון מ. ספּעקטאָר.

(פֿאָרטזעצונג).

אין איהרע נײַנצעהן יאָהר האָט זי פֿיעל מעהר געלעזען ווי אַנדער מיידיל אין איהרע יאָהרען. איהר פֿאָטער איז ניט געווען רייך און האָט קיין פֿערמעגען געהאַט אויסער אַ רייכער ביבליאָטהעק, וועלכע ער האָט געקליבען אַ סך יאָהרען נאָך פֿון יונגילוויַז אָן. אידאַ פֿלעגט די ביכער פֿון זיין ביבליאָטהעק שלינגען איינס נאָך דעם אַנדערען, און אַלע אין לאַוראַווע פֿלעגען זיך וואונדערען וואָס אַזאַ שעהן מיידיל ניט זיך אָב מעהר מיט ביכער ווי מיט איהר שענקייט. די מוטער פֿלעגט שרייען אַז אַ מיידיל דאַרף ניט ליגען אַזוי פֿיעל איבער ספֿרים, דאָס פּאַסט פֿאַר אַ יונגיל, נאָר איהר פֿאָטער פֿלעגט זי פֿערענטפֿערען. אַזוי ווי ער האָט קיין זוהן ניט זאָלען חאָטש זיינע טעכטער זיך בענוצען מיט זיין „רייכטום", ווי נחמן ליפּשיץ פֿלעגט אָנרופֿען זיין ביבליאָטהעק.

ביי איהר אָנגעלעזענקייט און שענקייט, האָט פֿון דעסטוועגען יעדער אין וואַגאָן געקענט בעמערקען אַז זי איז אַ קליינשטעדטילדיגע, ובפֿרט האָט זי זיך דערמיט געוואָרפֿען אין די אויגען, ווען זי פֿלעגט אָנהויבען רעדען, ווייל זי האָט זיך פֿון איהר פֿאָטער אויסגעלערענט רעדען מיט מליצות ווי כּמעט אַלע קליינשטעדטילדיגע געבילדעטע.

ביי איהר גאַנצער ענערגיע און פֿעסטען כאַראַקטער איז זי געווען אַ שעמעדיגע. זי פֿלעגט גלייך רויט ווערען, ווען זי פֿלעגט הערען אַ פּראָסט וואָרט, אָדער ווען עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען אַז זי האָט זיך אין רעדען אַרויסגעהאַפּט מיט אַ נאַרישקייט.

בּכלל איז אין איהר גרינג געווען צו בעמערקען אַז זי איז ווינציג געווען אין געזעלשאַפֿט, און דערפֿאַר פֿלעגט זי זיך צווישען פֿרעמדע ניט פֿיהלען היימיש און פֿלעגט ניט קענען רעדען אַזוי גרינג, ווי עס קענען דאָס די גרויסשטעדטיגע, ניט נור דערוואַקסענע מענשען, נאָר אפֿילו צעהן יעהריגע קינדער.

ווען זי פֿלעגט זיך פֿאַרשעמען און איבער איהר געזיכט פֿלעגט זיך מינוטענווייז בעוויַזען איהר יונגע רויזע־פֿאַרב פֿלעגט זי נאָך שענער ווערען און בעקומען דעם זיבעטען חן.

*

אויף דעם צווייטען טאָג האָט זיך אידאַ ניט געפֿיהלט גוט האָטש זי איז אויף דער באַנק די גאַנצע נאַכט געשמאַק געשלאָפֿען. זי האָט איהרע עלטערען געזעהן אין חלום זעהר טרויריג, איבערהויפּט האָט אויף איהר געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק הירשעל, וועלכען זי האָט אויך געזעהן אין חלום. ער האָט געקוקט אויף איהר מיט אַ בלאַס קרענקליך געזיכט. ער האָט געוויינט פֿאַר איהר זי זאָל ניט אַוועקפֿאָהרען, זי זאָל איהם אויך מיטנעהמען, און זי האָט איהם אַרומגענומען ווי אַ קליין קינד און געטרייסט, אַז זיי וועלען זיך אין ניכסטען נאָך אַ מאָל זעהן און שוין זיין אויף שטענדיג צוזאַמען. נאָר פּלוצים פֿיהלט זי ווי ער פֿאַלט אַרויס פֿון איהרע הענד און מיט אַ גרויסען קלאַפּ פֿאַלט ער אויף דער פּאָדלאָגע און ליגט אויסגעצויגען טויט. מען שרייט, מען געוואַלדעוועט, מען לויפֿט נאָך דאָקטורים, מען שרייט „גיכער, וואַסער, ראַטעוועט איהם", און אידאַ האַפּט זיך אויף... און זעהט ווי זי געפֿינט זיך אין וואַגאָן...

זי קוקט זיך אַרום און זעהט ווי איהר קאַרטאָנענע פּודלע, אין וועלכער עס ליגט איהר היטעלע, איז אַראָבגעפֿאַלען פֿון פּאָליצע אויף דער פּאָדלאָגע, זי האָט באַלד די פּודלע אַנידערגעלעגט אויף דעם פֿריהערדיגען אָרט. זי דערוויסט זיך אַז דער צוג שטעהט שוין פֿינף מינוטען נעבען דער גרויסער סטאַנציע דינאַבורג און הערט ווי איינער שרייט צום אַנדערען: „לויף גיכער און נעם פֿאַר זעקס גראָשען אַ טשאַיניק הייס וואַסער". דערצו האָט זי זיך דערמאַנט ווי פֿאַר דעם שלאָף האָט זי געלעזען עפּיס אַ ביכעל וואָס אַ פּאַסאַזשער האָט איהר געליהען און וואו דאָרטען האָט זיך איינער געשאָסען און צוויי זענען געשטאָרבען.

זי האָט זיך אפֿילו פֿון חלום באַלד בערוהיגט, נאָר וועגען הירשלען האָט זי דעם גאַנצען צווייטען טאָג אויפֿגעהערט טראַכטען, זי האָט איהם ליעב געהאַט פֿון קינדוויַז אָן. קיינער פֿון איהרע בעקאַנטע יונגע לייט איז איהר ניט אַזוי געפֿעלען און מיט קיינעם פֿיהלט זי זיך אַזוי ניט גוט ווי מיט הירשלען, נאָר דאָך איז דאָ מינוטען וואָס זי קען איהם ניט איבערטראָגען. דאָס קומט פֿאָר דאַן, ווען זי זעהט ווי הירשעל איז ביי זיך אַזוי רוהיג, זיכער און עס פֿעהלט איהם קיין זאַך אין דער וועלט ניט. ער איז צופֿרידען מיט דער וועלט ווי גלייך בּאמת עס פֿיהרט זיך אַזוי אַלעס אין אָרדענונג און יעדען פֿון זיינע ברידער לעבט זיך אַזוי גרינג און גוט ווי איהם.

— איז דען הירשעל עהנליך צו די יונגע לייט, ווי איהר פֿאָטער מיט זיינע חברים זענען געווען? איז איהר איצט ווידער אויפֿגעקומען אויף די געדאַנקען.

— ווי אַזוי פֿלעגען אַמאָליגע יונגע לייט פֿערברענגען זייער צייט און ווי אַזוי פֿערברענגען די היינטיגע יונגע לייט? — פֿלעגט אָפֿט איהר פֿאָטער זאָגען. דאָ האָט זי זיך אָנגעהויבען דערמאַנען, ווי איהר פֿאָטער פֿלעגט דערצעהלען פֿון די פֿריהערדיגע יאָהרען: מען האָט געלערענט אין די בּתּי־מדרשים ווי די עלטערען האָבען פֿערלאַנגט, מען האָט געלערענט אייראָפּעאישע שפּראַכען און וויסענשאַפֿט אַז די עלטערען זאָלען ניט וויסען. אין די ווינטערדיגע נעכט, ווען אַלע זענען געשלאָפֿען און זומער הינטער דער שטאָדט אין וואַלד, צווישען די בערג, האָט מען ווידער געלעזען און געלערענט — מען האָט געוואָלט פֿון זיך מאַכען מענשען. נאָר דאָס אַלעס איז ווינציג געווען; מען האָט זיך געריסען אין די גרויסע שטעדט וואו מען קען פֿרייער און גרינגער לערנען. ניט איין מאָל האָט מען זיי געהאַפּט מיט די השׂכּלה־ביכער, טאַטע מאַמע האָבען דערפֿאַר געשלאָגען, די שטאָדט האָט געזידעלט, געשאָלטען, געטייט אויף זיי מיט די פֿינגער, נאָר זיי, האָבען נאָך מיט מעהר פֿייער, מיט מעהר חשק געטהון זייער זאַך אום צו ווערען מענשען, אום זיך אַרויסצורייסען פֿון דער פֿינסטערניש. פֿלעגען זיי בעמערקען אין שטאָדט אַ פֿעהיגען יונגיל, פֿלעגען זיי איהם באַלד אַריינגעהמען אין חבֿרה. ווען אָרימע קינדער האָבען געוואָלט לערנען, האָט מען מיט זיי מיט ליבשאַפֿט געלערענט, און מיט די לעצטע גראָשענס זיי אויסגעהאַלטען, זיך געטהיילט מיט דעם לעצטען ביסען. צווישען די יונגע לייט זענען ניט געווען דאַן לעהרער און שילער, עלטערע און יונגערע, רייכע און אָרימע. עס זענען נור געווען חבֿרים, גלייכע ברידער. אַזוי האָבען אַ מאָל פֿערבראַכט די צייט אַמאָליגע יונגע לייט אין די יונגע, בעסטע פֿרייע יאָהרען.

זיי האָבען געלעבט, געאַרבייט, און מלחמה געהאַלטען, פֿאַר קיין זאַך קיין מורא ניט געהאַט, אַבי נור זיך און אַנדערע פֿאַר מענשען צו מאַכען. יודישע יונגע לייט זענען געווען גרייט יעדע מינוט זיך מקריב זיין פֿאַר זייערע ברידער, פֿאַר זייער פֿאָלק. און וואָס טהוען און מיט וואָס פֿאַרנעהמען זיך איצטיגע יונגע לייט? די רייכערע זענען צופֿרידען מיט זיך און לעבען אַ גוטען טאָג, און די אָרימע טראַכטען ווי זיי זאָלען קומען צו אַ קאַפּיטאַל כּדי אויך זיך קענען פֿערשאַפֿען אַלע פֿערגניגען פֿון דער וועלט. נאָר עפּיס טהון, אַרבייטען, אַז זיי זאָלען קומען צו אַ גוט רוהיג לעבען, דאָס טהון זיי גאָר ניט, זיי זיצען און וואַרטען, עס זאָלען זיי אַריינפֿליהען אין מויל געבראָטענע טויבען. זיי טהון ניט נור פֿאַר יענעם, נאָר אפילו ניט פֿאַר זיך אַליין, זיך פֿאַרצוברייטען צו אַ געזונדען און נוצליכען לעבען. איצטיגע צייט אַז עס געפֿינט זיך אַ יודיש יונגיל וואָס זאָגט „איך וויל לערנען אַ מלאָכה, איך וויל זיך בילדען, איך וויל ווערען אַ מענש, נאָר איך בין אָרים, איך וויל מען זאָל מיר אין דעם מיט עפּיס העלפֿען“. — ווער ענפֿערט איהם? קיינער ניט. דאָס יונגיל מעג האָבען די בעסטע פֿעהיגקייטען אַרט קיינעם ניט און קיינער העלפֿט איהם ניט. „אין מיינע צייטען, פֿלעגט דער פֿאָטער זאָגען, פֿלעגט מען אַזאַ יונגיל אויסהאָפּען, פֿון אַלע זייטען פֿלעגט מען פֿאַר איהם זאָרגען און פֿיעל, פֿיעל זענען פֿון אַזוינע יונגליך נאָכהער געוואָרען געבילדעטע מענשען. איצט אָבער שלאָגען זיך די פֿעהיגע צו קיין זאַך ניט צו און פֿון די ניט־פֿעהיגע קומען יעדעס יאָהר צו ביי יודען נייע טויזענדער קאַליקעס וואָס טויגען צו קיין זאַך אין דער וועלט“.

און אידאַ האָט זיך געפֿרעגט: וואָס טהוט הירשעל? און איבערהויפּט וואָס איז ער אַליין אָהן זיין טאַטענס געלד? — גאָר ניט. זי האָט געוואָלט ער זאָל זיין אַזאַ יונגער מאַן ווי איהר פֿאָטערס חברים. איהר אַלטען אָרימען האַלב קראַנקען טאַטען טהוט נאָך איצט אויך וועה דאָס האַרץ פֿאַר יענעם, האָטש ער איז איצט ניט אין שטאַנד צו העלפֿען. נאָר אַז ער צורעדט זיך וועגען דעם יודישען טרויריגען סקלאַוועטשעטען לעבען צינדען זיך אָן זיינע אויגען ווי ביי אַ יונגען מאַן. זי געדענקט, ווען ער איז געווען געזונד און יונג, האָט זי קיין שענערען ניט געזעהן ווי איהר טאַטען.

— פֿאַר וואָס זאָל הירשעל אַזוי ניט זיין ווי איהר טאַטע? פֿלעגט זיך אידאַ אָפֿט פֿרעגען, — פֿאַר וואָס אַרט הירשלען קיין זאַך ניט? אין לאַזוראָווע געפֿינען זיך אַזוי פֿיעל אָרימע לייט, זייערע קינדער וואַלגערען זיך אין גאַסען. פֿאַר וואָס קומט איהם קיין מאָל ניט אויף די פֿראַגע: וואָס זאָל אויסוואַקסען פֿון אַזוינע אומגליקליכע קינדער? פֿאַר וואָס זעהט ער ניט וואָס איך זעה? פֿאַר וואָס ריהרט איהם ניט אָן ביים האַרצען ווי מיך? שוין־זשע איז ער אַזוי בלינד אַז ער זעהט דאָס אַלעס ניט? נאָר אַ בלינדער קען דאָס אויך זעהן. די קרעכצען, די זיפֿצען פֿון דער יודישער נויט און צרות הערען זיך אין דער לופֿט. ניין, ניט אַזוינער קען זיין מיין מאַן. ניט מיט אַזוינעם קען איך מיין וועלט טהיילען.

און אידאַ האָט אויך ווי הירשעל געזאָגט צו זיך.

— ניט קיין טויזענטער קענען מיך גליקליך מאַכען... איך האָב הירשלען ליעב... איך בין געוואָהנט צו איהם... מיר איז אנגענעהם צו זיין אין זיין געזעלשאַפֿט... נו, איך האָב איהם ליעב... נאָר דאָס אַלעס וואָס מיין פֿאָטער האָט אין מיר פֿון קינדווייז אָן איינגעפֿלאַנצט איז מיר ליעבער און טייערער... איך האָב איהם אַלעס אין בריעף געשריעבען, און ווען ער וויל ווירקליך מיט מיר די וועלט טהיילען, זאָל ער פֿריהער פֿון זיך מאַכען דאָס וואָס מיר געפֿעלט. זאָל ער פֿריהער אַ מענש ווערען, ער איז יונג און געזונד. ביי די בעסטע יונגע יאָהרען קען יעדער פֿון זיך מאַכען וואָס ער וויל. מיר וועלען לעבען וועלען מיר זעהן, מיר זענען נאָך ביידע יונג און אַרבייט איז דאָ אַזוי פֿיעל...

מיט די געדאַנקען איז זי געוועזען פֿערנומען דעם גאַנצען טאָג. קיין פּעטערסבורג איז געבליבען נאָך עטליכע שעה רייזע און אַלע איהרע געדאַנקען וועגען לאַזוראָווע זענען איצט אַוועק, זי האָט איצט נור געטראַכט וועגען דער גרויסער שטאָדט פּעטערסבורג און וועגען איהרע נייע בעקאַנטע מיט וועלכע זי וועט זיך איצט בעגעגנען.

דער צוג האָט שוין אויסגעפֿעהלט די סטאַנציע גאַטשינאַ. באַלד וועט זי זעהן די גרויסע שטאָדט פֿון וועלכער זי האָט אַזוי לאַנג געטראַכט. זי האָט זיך געשטעלט ביים פֿענסטער, זי האָט געוואָלט זעהן די שטאָדט פֿון דער ווייטענס, נאָר ביז צום וואַרשאַווער־פּעטערסבורגער וואָגזאַל האָט זי מעהר ניט געזעהן ווי גרויסע קוימענס פֿון פֿערשיעדענע פֿאַבריקען.

אויף דעם וואָגזאַל האָבען זי אויפֿגעוואַרט מאַדאַם קריינין מיט איהר עלטערער טאָכטער אַננאַ.

— מיין פּאַפּאַ האָט מיר געזאָגט אַז איהר זענט אַזאַ שענע, איהר האָט אַזוינע זעלטענע בלאָנדע האָר מיט בלויע אויגען, אַז עס איז אייך גרינג צו דערקענען, און איך האָב אייך באַלד דערקענט ווי איהר זענט נור אַרויסגעגאַנגען פֿון וואַגאָן, האָטש איך האָב קיין מאָל אפילו אייער פֿאָטאָגראַפֿיע ניט געזעהן, האָט אַננאַ געזאָגט אַרומהאַפּענדיג זיך מיט אידאַן קושען. אידאַ האָט זיך אַזוי פֿערשעמט, אַזוי רויטה געוואָרען אַז זיי האָבען זיך מיט זייערע קושען ניט געקענט גלייך טרעפֿען.

— איין אמת'ע פּראָווינציאַלקע. — האָט אַננאַ זיך צולאַכט.

אַננאַ מיט איהר מוטער שרה ביילע, האָבען ביי אידאַן, וועלכע האָט זיך פֿון די לעצטע ווערטער נאָך מעהר פֿאַרשעמט און ניט געוואוסט וואָס צו טהון, צוגענומען די פּעקליך, אַרויס גענומען דעם באַגאַזש און זיך געזעצט אויף אַ דראָשקע. פֿאָהרענדיג האָבען זיי ביידע צו איהר גערעדט, נאָר זי האָט ניט געהערט קיין וואָרט, פֿון דעם קלאַפּען פֿון די פֿיעל דראָשקעס און קאַרעטען, און פֿון דעם גרויסען רעש פֿון די מענשען האָט זיך איהר פֿערדרעהט דער קאָפּ.

— שוין בעקאַנט, שוין בעפֿריינדעט, שוין געקושט זיך, און זי האָט דאָס אַזוי פֿיעל געטראַכט ווי אַזוי זי וועט זיך מיט זיי בעקאָנען און ווי אַזוי זי וועט מיט זיי רעדען.

דאָס אַלעס איז אידאַן דורכגעפֿלויגען אין די געדאַנקען פֿאָהרענדיג, נאָכהער האָט זי דערהערט עטליכע ווערטער וואָס די מאַדאַם קריינין האָט איהר דערצעהלט.

שוין עטליכע יאָהר אַז איך קלויב זיך אויף קבר אבות צו דער מאַמען, זי זאָל האָבען דעם ליכטיגען גן עדן און זיין אַ גוטע בעטערין פֿאַר אונז. זי ליגט טאַקע ביי אייך אין לאַזוראָווע, אַ טייער שטעדטיל לאַזוראָווע, נאָר פֿון דעם וויסטען פּעטערסבורג קען מען זיך דען אַרויסרייסען. הו, האַ! אַ געפּילדער, אַ רעש ווי אויף יענער וועלט.

— אָט דאָ וואָהנען מיר אין דער קאַזאַרמע, האָט מאַדאַם קריינין ווידער געזאָגט, ווען די דראָשקע האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען אַ פֿינף עטאַזשנעם הויז. צוועלף הונדערט רובל אַ יאָהר דירה געלד און צו מיטטאָג דאַרף מען אָנצינדען די לאַמפּען. אַ פֿינסטערע עס־שטוב.

מען האָט אידאַן מיט איהרע פּעקליך אַרויפֿגעפֿיהרט אויף הונדערט דרייסיג טרעפּ, מען האָט אָנגעקלונגען און מען האָט באַלד ברייט געעפֿענט די טהיר.

און אידאַ וואָהנט יעצט אין פּעטערסבורג ביי באָריס פּעטראָוויטש קריינין אין הויז צוזאַמען מיט זיין פֿאַמיליע. —

(פֿאָרטזעטצונג קומט.)

## א בריעף צו דעם הערין „בעל מחשבות“.

אויף אייער ווערטע קריטיק אין דעם „יוד“ נומער 3 איבער דאָס ביכעל „ר' מאיר פֿון ראָטענבורג“ מוז אויפֿמערקזאָם געמאַכט ווערען:

דאָס ביכעל איז אַרויסגעגעבען פֿאַר די שוליוגענד וועלכע לעזט און פֿערשטעהט רוסיש, און פֿאַר זי איז נייטהיג אַ איינפֿאַכע שפּראַך. זאָגאַר פֿאַר דעם פּראָסטען ערוואַקסענעם לעזער איז אַזאַ שפּראַך גוט און נוצליך. אויף דאָס געבילדעטע פּובליקום האָט מען ביי דער אויסגאַבע ניט גערעכענט.

וואָס עס אַנבעלאַנגט דעם אינהאַלט פֿון דעם ווערק איז ער אין גאַנצען גענומען געוואָרען פֿון פֿיליפּזאָהנס ערצעהלונג „רבי מאיר פֿון ראָטענבורג“ און פֿון באקס „רבי מאיר בן ברוך פֿון ראָטענבורג“ ווי דאָס איז אָנגעגעבען געוואָרען אויף דעם ערשטען בלאַט אין אַ אַנמערקונג. אַלזאָ איז ד. פֿ. זיסקאַנד ניט שולדיג ווען די ערצעהלונג איז ניט זעהר אָנציהענד און אינטערעסאַנט.

t.

Verlag „Achiasaf“. Verantwortlicher Red. M. Berkowicz. — Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer Krakau,

## ״א. גאסעלניק׳ס אויסגאבען!״

אונטער דיזען נאמען האט אנגעפאנגען צו ערשיינען דורך די בוכ־האנדלונג פון אברהם גאסעלניק, ווילנא, האספיטאלני 349 א גאנצע סעריע פון פאפולער־וויסענשאפטליכע און בעלעטריסטישע ווערקע פון די בעסטע זשארגאנישע שריפטשטעלער און איבערזעצער.

ביז יעצט האבען ערשיינט:

1) די לעהרע פון לעבען (פיזיאלאגיע), ערשטער שיעור, פרייז 10 ק׳.
2) בילדער פון טהיער לעבען, נאך רובאקין, פרייז 40 ק׳.
3) דאס פפלאנצענלעבען (באטאניק), פרייז 30 ק׳.
4) וועמעס גלויבען איז בעסער? ערצעהלונג פון גראף ל. טאלסטאי, פרייז 5 ק׳.
5) סאקראטעס דער גריכישער פילאזאף, פרייז 5 ק׳.
6) די לעהרע פון לעבען (פיזיאלאגיע), 2־טער שיעור, פרייז 20 ק׳.

אין די זעלבע בוכהאנדלונג איז אויך דער הויפט פערקויף פון אלע קאטיקס אויסגאבען:

1) ווי האבען מענשען געלעבט מיט איינינע טויזענד יאהר צוריק, פרייז 10 ק׳.
2) ערצעהלונגען וועגען ווילדע מענשען, פרייז 10 ק׳.
3) ארבייט און קאפיטאל, פרייז 10 ק׳.
4) וועגען לופט, פרייז 10 ק׳.
5) אדם הראשון׳ס דורות אדער די פארהיסטארישע צייט פון מענשען פרייז 20 ק׳.
6) ווינטער אבענדען, אלע 3 טהייל צוזאמען פרייז 25 ק׳.
7) חיים משרת, ערצעהלונג פון ד. פינסקי, פרייז 3 ק׳.
8) שטריימיל, ערצעהלונג פון י. ל. פרץ, פרייז 3 ק׳.

אויסגאבען „צייט־גייסט״:

1) די איביגע מלחמה אין דער נאטור, פרייז 10 ק׳.
2) דער פערפאלענער, ערצעהלונגען פון ד. פינסקי, פרייז 10 ק׳.

עס געפינט זיך אין דרוק און קורצליך וועלען ערשיינען:

1) די וואונדערליכע ערפינדונגען פון נייצעהנטען יאהרהונדערט נאך רובאקין).
2) די לעהרע פון לעבען, 3־טער שיעור, און פיעל אנדערע.

אין די זעלבע בוכהאנדלונג געפינען זיך אלע אנדערע וויסענשאפטליכע און נוצליכע זשארגאנישע און העברעאישע ווערקע.

אין קורצען וועט ערשיינען:

1) אברהם לינקאלן, ביאגראפיע.
2) שלמה מיימון, ביאגראפיע.
3) קליינע ערצעהלונגען פון ד. פינסקי או. א.
4) איבערזעצונגען פון די בעסטע אייראפעאישע שריפטשטעללער.
5) די מערקווירדיגקייטען פון נייצעהנטען יאהרהונדערט.

בוכהענדלער קריגען בערייטענדען ראבאט! בעשטעללונגען ווערען פ נקטליך ע־פילט

אדרעסע:

**Buchhandlung A. HASSELNIK, Wilno, Hospitalstr.**

---

יצא לאור הכרך הרביעי

## „ממזרח וממערב״

וזה תכנו:

א) הגאון מווילנא — ראובן ברייניז. ב) רב יוסף ב״ר נתן אופיציאל וספרו — ד״ר צבי מאלטער. ג) ספר יוסף המקנא — הרב הכולל צדוק הכהן. ד) אגרת הפטירה—להפלוסוף אבן אלצאיג, עם הערות ותקונים מאת ד״ר מ. צ. שריינר, מורה בביהמ״ד לחכמת ישראל בברלין. ה) דברים עתיקים—פרופ. משה שטיינשניידער. ו) אור מתעה — (ע״ד ספר כ״י המיוחס להרמב״ם) ד״ר שלמה מאנדעלקערן. ז) נשמת הסידים — (הסתכלות) ד״ר מ. י. ברדיטשבסקי. ח) בנין הפעיל — ד״ר דוד קינסטלינגר. ט) הנריק איבסן והיהדות — ד״ר נתן בירנבוים. י) הגורם הכלכלי והשפעתו בתולדות עמנו—ה. ד. הורוויץ. יא) דרשות ומדברות—ד״ר דוד ניימרק. יב) זקנה ובחרות—(שנוי־ערכין) בן־גריון. יג) לתולדות התפתחות ההתבוללות בישראל—ד״ר דוד צבי פרבשטיין. יד) לתכונת שירי עמנו—ד״ר שמואל ראפאפורט. טו) השירה העברית והערבית—א. ש. יהודה. טז) חפשה—(שיר) מ. מ. הורוויץ.

מחיר הכרך ד׳ של „ממזרח וממערב״:

ברוסיה 1 רו״כ; באשכנז 2,50 מארק; באוסטריא־אונגריה 1,20 פלורין; בצרפת ובארצות המזרח 4 פראנק; באנגליא 3 שיללינג; באמעריקא 1 דאללאר, מלבד דמי המשלוח.—מחיר הכרכים הראשונים כזה.

נמצא להמכר אצל:

**Verlag „Achiasaf" Warschau.**

ואצל העורך עפ״י כתבתו:

**R. Brainin, Berlin-Charlottenburg, Bismarkstr. 52.**

---

## יי״ש לחג הפסח למהדרין ולמבינים.

היי״ש שלי ב״ה נודע כבר בטוב טעמו וריחו ובזך מראהו וכן ביתרון הכשרו (כל הפועלים והעוסקים אצלי המה מאחבנ״י) כמו שיעידו ויגידו הגאונים והצדיקים: מו״צ דק״ק הוראדנא,

ה״ר מרן ר׳ ברוך מרדכי ליבשיטץ זללה״ה אב״ד דק״ק שעדליץ.
ה״ה מרן ר׳ אליהו חיים מייזיל שליט״א אב״ד דק״ק לאדז.
אדמו״ר ר׳ גרשון הינך זללה״ה מראדזין.
ה״ר מרן ר׳ יוסף דובער זללה״ה אב״ד דק״ק בריסק.
ה״ה מרן ר׳ חיים הלוי סאלאווייציק שליט״א אב״ד דק״ק בריסק.
ה״ר מרן ר׳ יצחק אלחנן ספעקטאר זללה״ה אב״ד דק״ק קאוונא.
ועוד ועוד.

כל הקונים יוכלו לקבל היי״ש בבקבוקים חבושי פסים, בני $^1/_{20}$ $^1/_{10}$ ההין, ישר מהזוואוד שלי מוכן למכירה ישר לידיהם ואינו נחוץ לשלחו להקזאזני סקלאד.

הקונים הפרטים יקבלו את היי״ש פסח שלי וכן מנוקה ויישן בכל הרינסקע פאגרעבין וטראקטירין הגדולים וכן יוכלו לקבל ישר מהזוואוד שלי אך לא פחות מהין שלם (20 בקבוקים בני $^1/_{20}$ ההין).

הקונים ידרשו כי על הבקבוקים יהיה העטיקעט שלי ממראה מגן דוד וכן על כל בקבוק נדבק הכשר מהרבנים הגאונים הנ״ל וישימו נא זאת הדורשים יי״ש פסח אל לבם.

נאום דובער בהגאון מוהר״ר מרדכי גימפל זללה״ה יפה.

---

Ch. Ritzenberg



די בעוואוסטע פאבריק פון גילזען מאשינען ארבייט אויס אויך מאשינען צו שטאפ-גילזען נייעסטער סיסטעם. פיר גוטהייט און דויער־האפטיגקייט ווירד גאראנטירט.

Warszawa, Dzika 44.

## ברוך־בענדער!



האלטען אין דען שווערסטען ברוך אונד דריי־קען נישט דעם קערפער. נאנראַ־דע פאן דאקטארסקע אויסשטע־לונג.

**D. MOSZKOWSKI,**
**Warszawa, Muranów 16.**

---

## שפירט לחג הפסח.

דער אויסשליסליכער פערקויף פיר גאנץ פולין פון דיי סטילארניע ד״ה יפה פון גראדנא איזט, ביי אהרן וואלד עט קאמפ. ווארשא נאלעווקי נו׳ 41 פיר דען הורט אונד ענצילט. אויך איז צו בעקומען פערשידענע וויין, קאניאק, רוסישע און אויסלענדישע אויך א״י כרמל.

בריעף־אדרעסע:

**A. WALD & Com. Warszawa, Nalewki Nr. 41.**

---

## נור מיט עטליכע רובל

קאן יעדער מענש ביי זיך אויפ׳ן ארט א גוטע פרנסה איינפיהרען ווי איך גיב צו ערקלערען דורך א בריעף געגען א 7 קאפ׳ מארקע.

אדרעסירען:

Warschau, Russie. Post-Restant, Mr. I. Naiditsch,

